LIDERHEYM

Rivka Basman Ben-Haim

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-17486-6

D:\YIDDISH\TITLES\9780657174866T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

רבֿקה באַסמאַן בן־חיים

לידערהיים



רבֿקה באַסמאַן בן־חיים

לידערהיים

ווערטע שבע צוקער,
מיט מיינע בעסטע ווינטשן צו אייך
און מיט פריינדשאַפט,
רבקה באַסמאַן בן-חיים
6.1.2013

רבֿקה באַסמאַן בן־חיים

לידערהיים

בית שלום־עליכם
תל־אָבֿיבֿ תשע"ב / 2012

רבֿקה באַסמאַן בן־חיים

לידערהיים

(שירים)

עטיפה: **מולה בן־חיים**

Rivka Basman Ben-Haim

LIDERHEYM

(Poems)

אָפּגעקליבן און צוגעגרייט צום דרוק
הביא לדפוס
ישׂראל רודניצקי

ISBN 978-965-553-031-5 מסת"ב

זאַץ / סדר ועימוד: **לאוניד רחמן**

הדפסה: **צור־אות ירושלים**

נדפס בישראל תשע"ב
Printed in Israel 2012

אַ וואָרט פֿריִער

דאָס קליינע ביכל מיט דעם חנעוודיקן נאָמען "לידערהיים" נעמט אַרײַן צווישן זײַנע טאָוולען אַן אָפּקלײַב פֿון 80 לידער, אַ המשך פֿון רבֿקהס וווּנדערלעכער צווייבענדיקער לידער־זאַמלונג "לכּבֿוד איך און דו" (תּל־אָבֿיבֿ, 2006).

רבֿקה איז אין אונדזערע אויגן, אַ לעגענדע. און פֿון אַ לעגענדע קען מען ניט אַראָפּנעמען... און צו אַ לעגענדע דאַרף מען ניט צוגעבן - וועל איך עובֿר זײַן אויף די תּקנות פֿון "אַ וואָרט פֿריִער", כּלומר: פֿאָרשטעלן דעם מחבר און זײַן יצירה מיט אָפּגעקליבענע און טרעפֿלעכע לויבווערטער! אַדרבא - זאָל דער לייענער גיין אַליין פֿון ליד צו ליד, וועט ער אָנקומען אין רבֿקהס אויסגעלײַטערטער וועלט.

פֿון דעסטוועגן וועט דער לייענער געפֿינען אויף דער לעצטער זײַט אַ קורצע ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע רשימה וועגן דער דיכטערין און איר פֿאַרמעג, און אויב דער לייענער איז מסכּים צו הערן וועל איך זיך מודה און מתוודה זײַן:

מיט רבֿקהן פֿאַרבינדט מיך אַ לאַנגיאָריקע חבֿרשאַפֿט, איך געפֿין זיך נאָך אַנאַנד אין דער מחיצה פֿון אירע לידער, איז קיין וווּנדער ניט, אַז איך בין פֿאַרליבט אין די צאַרטע נשמות און אין די שטילע פֿונקען, וואָס וועלטיקן אין איר פּאָעטישער וועלט. און מיר דאַכט אַז איר וועלט איז אויך מײַן וועלט, אַז דער אומעט אין אירע לידער

איז אויך מײַן אומעט – דער אוניװערסאַלער װעלטאומעט, װאָס איז שױן פֿאַרװאָרצלט אין דעם בראשית פֿון באַשאַף, און אין דעם גאַנג פֿון דורות, פֿאַרבונדן מיט די טיפֿע מחשבֿות אין גײַסט פֿון הומאַניזם.

איך בין פֿאַרליבט אין די שורות פֿון אירע לידער, װאָס גלעטן דיך מיט אַ קוים־קוימיקן פֿאַרחלומטן באַריר, נעמען דיך אַרײַן אין הײסע אָרעמס און שפּירסט אַ לײַבלעכע נאָענטקײט מיט זײ.

די בכּבֿודיקע פּערסאָנאַזשן אין אירע לידער, בלומען און בײמער, אומשולדיקע באַשעפֿענישן, און אַפֿילו די הערמעס־מאַשינקע, זײַנען אָנגעלאָדן מיט נאַטור־שײנקײט, מיט ליבשאַפֿט און אָפּטימיזם. און אויב אַ װאָלקן האָט פֿאַרשטעלט די זון, מעג ער זײַן געדיכט און שװאַרץ, װעט בײַ רבֿקהן אַלע מאָל דורכשײַנען אַ דינינק שטראָמעלע ליכט.

און אויב אין אַ ליד האָט דער הימל זיך צעמבולט מיט כּעס, איז דאָך קלאָר, אַז נאָך דעם רעגן װעט װידער אויפֿשײַנען די זון. אַזױ פֿירט זיך בײַ רבֿקהן סײַ אין איר אויסגעחלומטער, סײַ אין איר אמתער װעלט.

י. רודניצקי

◆

מײַן לשון איז אַ ליד.
ניט ייִדיש, ניט עבֿרית,
לשון־ליד.
מײַן לשון איז די צײַט.
ניט די צײַט וואָס בײַט, פֿאַרבײַט,
נאָר די, וואָס זי געדענקט
און פֿאַרהיט אַ שפּור פֿון טריט
אין לשון־ליד.

◆

די קרובֿישאַפֿט
צווישן ייִדיש און עבֿרית
ווי אַזוי דערקלערן?
אפֿשר, ווי טיף עס אָטעמט
ייִדיש אַרײַן אין אַ העברעיִש וואָרט,
דערוואַרעמט די אותיות,
שענקט זײ אַ ווייכערן טראָט.

און דאַן, ווען ייִדיש
דערציילט פֿאַר עבֿרית
אירע טרערן,
תּפֿילהן ביידע לשונות
די זעלביקע תּפֿילה
צו גאָט.

◆

בײַ נאַכט פֿאַרדיכט מען ווערטער
וואָס ווילן זאָגן מער
אין די פֿאַרדיכטע ווערטער
ווערט פֿאַרמעקט אַ טרער –

און ס׳בלײַבט אַ פּוסטער אָרט
און ס׳בלײַבט אַ בלאַסער פֿלעק
בײַם אויסמעקן אַ טרער
פֿאַרפֿלײצט דער ים זײַן ברעג –

07.03.2012

צו זיך

קודם זײַ אין ליד
אין ליד אין גאַנצן
טויך אַרײַן פֿון קאָפּ ביז פֿיס
שפּעטער שלינג דאָס ליד
ווי זוניקע מאַראַנצן
ביטער־זיס.

◆

אַזוי ווי מיט יאָרן צוריק
גייען מיר ביידע
באַגלייטן מײַן ליד
צו דער ליכטיקער שײַן
דורך אַן אַנדער וועג
אין אַנדערע טעג
וואָס זוכן נאָך אַלץ
דײַן באַגלייט.

די איינציקע פֿרייד
פֿאַר אונדז ביידן
וואָס אַ ליד איז פֿאַרבליבן
און וויל זיך ניט שיידן
נעם איך דיך מיט
אין טרער
און אין ליד.

♦

די שטעכערס
די פֿאַרבליטע
פֿאַרלירן זייער שטאָך,
זיי נידערן אַראָפּ
און ווערן ווייכער –
אַזוי באַווײַזט די עלטער
אַלעמען
איר צייכן.

מיט דער צײַט

די הענט ווערן שווערער,
ווײַטער די בליקן,
קלענער די טריט
און שטאַמפּער די פֿינגער.
בלויז ווערטער
חוצפּהדיק גרינג
ווי מיט לופֿטיקע פֿליגל
איבער דער וועלט
לעבן און זינגען
ווי ס'וואָלט זיי אַ שטורעם געטראָגן, –
ווער קאָן זיי דעריאָגן?!

2010

מיט לידער פֿון "יונג־ישׂראל"

מיר איז באַשערט
אַרײַנאָטעמען אײַערע אָטעמס
מיר איז באַשערט זיך טונקען
אין אײַער געזאַנג –
אַ יונג־אַלטער
אַ זיס־זאַלציקער
אַ וואָר־חלומותדיקער –
און איך לײען די שורות אײַערע
און בענק און רײד מיט אײַך
און שװײַג.

נאָכן שטורעם

זאָלן די ווערטער זיך שפּילן,
לאָז זיי מיט חלום זיך פֿרייען,
אַנטפּלעק ניט די פֿאַרב פֿון דײַן ווילן,
דערמאָן ניט ווי טעג פֿאַרגייען.

זאָלן זיי שאַפֿן זיך וועלטן
וואָס קומען מיט בלומען באַגלייטן
אַ וואָר ניט קיין פֿאַרשטעלטע,
אַ וואָר וואָס וועט קיין מאָל ניט ווײ טאָן.

זאָלן די ווערטער זיך שפּילן.
אַזוי ווי ס׳ווערט רו נאָכן שטורעם
ווערט רויִק דײַן ווינטיקער ווילן,
געטרײַ זיי די ווערטער און גלייב זיי,
לאָז זיי זיך שפּילן.

צו אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט

במײַם דערשײַנען פֿון זײַנע לידער:
"געטונקען אין האָניק־צער" –

אין האָניק ווערט דער צער ניט קלענער.
צי קאָן ער זיסער ווערן?
ניט איין מאָל שוין פֿאַרזוכט
און פֿאַרבליבן ווי עס בלײַבט
אַ וואָלקנאַכט אָן שטערן,
געגאַרט און זיך גענאַרט
דער צער זאָל זיסער ווערן.

2009

אַ וואָרט

אַ וואָרט
איז אַן עפּל
אַ פֿלוים
און אַ חלום

אַ וואָרט
קאָן פֿאַרטרײַבן
קאָן ברענגען אַהיים
בשלום

אַ וואָרט
איז פֿרילינג
און ווינטער
און שניי

אַ וואָרט
גלעט
און טוט וויי

אַ וואָרט
איז אַן עפּל
אַ פֿלוים
און אַ חלום.

בײַם שטיין

אויף אַ שטיין ווערט גראָ און אַלט,
אויף אַ שטיין.
יאָרן ווי ער ליגט אַליין,
שווײַגט אַרײַן אין זײַן ניט־זײַן,

ליגט מיט דיר אין שטורעמס
ווי אין פֿײַערדיקע טעג,
דיר געטרײַ,
גייט פֿון דיר אין ערגעץ ניט אַוועק.

פֿון יאָר צו יאָר
מיט פֿלעקן טונקעלע באַדעקט
ווי אַן אַלטע הויט,
יעדן יאָר באַגעגנט ער מיט נאָך אַ פֿלעק
און אַזוי פֿאַרבלײַבט ער
אַלט און גראָ. אַ שטיין
איינינקער אַליין –

"די גאָלדענע קייט"

גאָר אָפּט
פֿאָר איך פֿאַרביַ
דעם אַריַנגאַנג
וווּ געווען איז "די גאָלדענע קייט",
וווּ אַבֿרהם
האָט געזאַמלט, ווי זעלטענע פּערל,
ייִדישע ווערטער,
און אַלכּסנדר
האָט זיי מסירות־נפֿשדיק
איַנגעראַמט אין בלעטער.

בלעטער מיט ייִדישן וואָרט
שמייכלענדיק פֿאַרטרערט,
דורותדיק פֿאַרקלערט,
ייִדישע ווערטער ווי בינען
וואָס זוכן אַ בלומיקן אָרט

און שטעכן אַדורך די העברעיִשע שטאָט
מיט אַ ניצול־געוואָרענעם
פֿאַרלאָרענעם
ייִדישן וואָרט.

2010

אַ הונט

אַ הונט, פֿאַרמאַכט אין אַ הויף,
דערקענט מײַנע טריט אין פֿרימאָרגן,
ניט ער בילט און ניט ער אַנטלויפֿט,
ער וואַרט אויף מײַן זאָגן: גוט־מאָרגן.

איך קוק דורך אַ שפּאַלט און גיי ניט אַוועק,
דערזע אין זײַן אויג אַזאַ פֿרייד, –
אויך אַ הונט פֿאַרמאַכט אין אַ הויף
וויל אַ רגע כאָטש זײַן זאַלבע צווייט.

צײַט

מײנסט אַז אַלץ איז אַזױ װי עס איז?
אַ ראַיה: די זון און די נאַכט און דער רעגן, –
אַ נעכטיקער טאָג!
קײן זאַך פֿאַרבלײַבט ניט אַזױ װי געװען.
דערזעסט נאָר ניט װי און װען.

זעסט, עס איז אַנדערש,
אַן אַנדער געשטעל, אַן אַנדער קאָליר,
אַפֿילו דער טאָג קומט אַנדערש צו דיר,
אַנדערש זײַן טראָט און אַנדערש זײַן ליכט
און װײסט ניט װער בײַט עס און װער פֿאַרריכט.

דו װײסט בלױז, די נאַכט אַרום דיר
זעט אַנדערש דײַן בליק, –
און װײסט ניט, צי דו ביסט
דער פֿולער פֿאָרױס
צי דער פּוסטער צוריק?

אין וועג

איינזאַמע מענטשן יאָגן ניט,
אײַלן ניט,
גייען טראָט בײַ טראָט,
לאָזן אַלעמען פֿאַרבײַ,
האָבן צײַט צו זען אַ גראָז,
אַ בוים, אַ בלאַט.
און דעם ווינט דערציילן זיי
וואָס זיי האָבן אויך אַ מאָל געהאַט –
בלײַבט דער ווינט אַ רגע אויף אַן אָרט
און פֿאַרשרײַבט אין בלעטער
וואָרט־בײַ־וואָרט...

2009

די קראָען־פּאָר

איך זוך אין וועג די פּאָר,
די פֿאַרליבטע קראָען־פּאָר
וואָס איך באַגעגן זיי צוזאַמען.
ווּ איז זייער פֿלי אַוועק?
שוין לאַנג זיי ניט באַגעגנט.

אפֿשר ווייסן גרינע צווײַגן
ווּ זיי זײַנען דאָ?
צי איינער האָט דאָס אַנדערע פֿאַרלאָרן?...
ניט ווילנדיק
ענטפֿערט
דער זכּרון.

◆

אַ הונט האָט מיך אַרומגעקוקט,
גענומען מיך באַגלייטן,
ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט,
ניט מיך, אַ צווייטן.

אין מיטן גאַנג האָט ער דערפֿילט
אַז איך בין ניט דער צווייטער,
ער האָט אַראָפּגעלאָזט זײַן קאָפּ
און אויפֿגעהערט באַגלייטן.

מיט מיר האָט אויך פּאַסירט אַזוי,
געמיינט אַז דאָס ביסטו –
און מיט אַ שטילן "אוי" געפֿרעגט:
ווי קום איך גאָר דערצו – –

אַ הונט, אַ מענטש, אַ בוים

אַ הונט, אַ מענטש, אַ בוים און אַלע שווײַגן.
דער הונט איז מיד פֿון בילן, דער מענטש פֿון לעבן,
און בלויז דער בוים כּסדר בליט.
צו זײַנע צווײַגן קומט אַ פֿויגל זינגען,
דער פֿויגל ברענגט דעם בוים אַ ליד,
און קיינער איז שוין מער ניט מיד
אין וועג צום טאָג וואָס ווערט אַ ליד.

◆

אַ מאָל האָט מיר אַ דאָקטער געזאָגט:
"דאָרט איז ניטאָ וואָס זאָל דיר ווײ טאָן",
און ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען
אַז מיר טוט ווײ דער ניטאָ.

דער דאָקטער איז אַ מומחה געווען
און מיר טראָפּנס מיט אַ זוניקן נאָמען פֿאַרשריבן.
די טראָפּנס פֿון לאַנג שוין ניטאָ,
די זון איז פֿאַרבליבן.

נעם איך די זון איעדן פֿרימאָרגן,
פֿאַרטרינק מיט בטחון,
איך געהער אַוודאי צו די וואָס
אַפֿילו אַ דאָקטער האָט ניט צעבראָכן.

2009

בליִונג

רײַס ניט אָפּ די בלום,
שײד ניט אָפּ פֿון די נאָענטע,
זאָל איר דאָס לעבן בלײַבן פֿאַרהיט.
ס׳וועט קומען דער רעגן זי קילן,
ס׳וועט קומען אַ בינעלע נאַשן איר ווײַן,
רײַס ניט אַראָפּ איר שײנקײט וואָס בליט, –
אין האַרבסטיקן וועג וועט געדענקען די בליִונג
דײַן ליד.

אין וועג

זיכער
אַז די ביימער קענען מיך
דערקענען מיך
און איך הער ניט אויף צו פֿרעגן
וואָס זיי זאָגן מיר
אין אומעט און אין פֿרייד –
ביימער ריידן
בליִענדיקערהייט.

אויב מײַן וועג
פֿאַרשפּעטיקט ניט אין צײַט
דאַכט זיך מיר איך הער
אין בלי דעם אמתן באַטײַט.

2009

אַ ליבעליד

פֿאַר וואָס ווערט נאָנט אַזוי
אַ ליד פֿון ליבע?
אין פֿרעמדע געשטאַלטן
אין ווײַטע וועלטן
ווײַט ווי די שטערן
און דאָך איז אייגן אַזוי
אַ ליד פֿון ליבע
פֿאַרכּישופֿט צו ווערן.

אפֿשר אין ליד
ניט ווי אין יאָרן
פֿאַרבלײַבט זי די ליבע
ווערט ניט פֿאַרלאָרן
און דאַכט זיך, ס׳איז דײַנע
גענוי ווי פֿאַרשריבן –
דײַנע די ליבע
וואָס הערט ניט אויף ליבן.

2009

אַ שפּיל אַזאַ

אַ שפּיל אַזאַ
אַ גורלדיק־באַשערטע
אײַנגעבוירן ווי דער אָטעם
קומען ווערטער
ווערטער
גלײַיִקע באַרירן
אַ געדענקשאַפֿט
וואָס די צײַט האָט ניט פֿאַרלענדט
שטעלן זײ זיך אויס אין שורות
ווי פֿייגל, גרייטן זיך צום פֿלי
אַנטלויפֿן פֿון דער ברענענדיקער קעלט
זײ ווילן ווו געפֿינען
אייביק פֿרילינג
אין דער וועלט.

אַ שפּיל אַזאַ.

מולה

מײַן יאָרצײַט־ליכט פֿאַר דיר
איז אַ ליד
וואָס צינדט זיך אָן כּסדר יעדן טאָג
אַריבער צײַט און אָרט
וואָס ברענט אין וועג
און ברענט אין וואָרט
און ס׳קאָן זי ניט פֿאַרלעשן
ניט די שטילקייט
ניט אַ טרער
און תּמיד אין דעם סאַמע טאָג
פֿון דײַן פֿאַרלאָרן ווערן
זוך איך אַ ניטדאָיִקע געדענקשאַפֿט
ווי די שײַן פֿון הימל־שטערן.

2009

אַ לבֿניקע נאַכט

עס טרעפֿט, ווערטער קומען, פֿרעגן:
– וואָס ווילסטו פֿון אונדז
מיר זאָלן פֿאַרשרײַבן?
וואָס ווילסטו אין אונדז
זאָל פֿאַרבלײַבן?
אויך אונדז פֿאָלגט ניט די צײַט,
פֿאַריאָגט אונדזער שעה,
אַלץ וואָס מיר קענען דערציילן
איז לאַנג שוין ניטאָ.

דווקא אָט דאָס וואָס איך בעט
אין לבֿניקער נאַכט
בײַ איר זילבערנעם גלעט:
דערמאָנען פֿון נאָנט
אַז ס'איז נאָך ניט שפּעט
דאָס וואָס איך בעט.

♦

דורך שטיינער און זאַמדן און דאָרנס –
און ס׳בליט.
דורך צײַט – אַזוי פֿיל פֿאַרלאָרן,
און ס׳בליט.

אַ וואָלקן פֿאַרוויקלט די שטעגן,
שרעקט מײַנע טריט,
עס רעגנט אויף מיר אַזאַ רעגן –
און ס׳בליט.

איך שפּרײַז די זומפּן אַריבער,
אַ וווּנדער גייט מיט מיר מיט
דורך שטיינער, זאַמדן און גריבער –
און ס׳בליט.

♦

ניט אמת אַז די צײַט פֿאַרגייט.
אַ סימן: זי ווערט ניט גראָ,
ניט לאַנגזאַמער איר טראָט,
זי דאַרף קיין שטעקן ניט אין וועג
און ניט קיין טרייסט.
מיר זאָגן תּמיד: צײַט פֿאַרגייט
און קענען אונדזער טעות ניט פֿאַרריכטן.
נאָר ווען אַ שטוב ווערט פּוסט
ווו שטילקייט שווײַגט ווי אַ געהאַנגענער
בײַ אַ פֿאַרמאַכטער טיר,
דעמאָלט ווייסן מיר
אַז ניט די צײַט פֿאַרגייט
נאָר מיר –

די זון

די זון הײלט מיך אויס
בײַם סוף פֿון טאָג
אַ מילדע און אַ נאָנטע.
ווו נעמט מען נאָך אַ פֿרײַנד אַזאַ
וואָס זאָל באַרויִקן
און גלעטן ווי אַ קינד –
...און גײ דערצײל
אַ מעשׂהלע
דעם ווינט...

2009

ליבע

דעם סוד פֿון ליבע ווייס ניט קיינער.
עס קומט, ווי ס׳קומט אַ ליד,
און ביידע לעבן זיי אין איינעם
ווי פֿונקען אין געמיט.

אַ מאָל פֿאַרברענגען זיי ביז טויט –
קיין רעטונג ניט פֿאַראַן.
אַ מאָל באַקעמפֿן זיי דעם טויט
ווו לעבן איז פֿאַראַן.

איך האָב געזען אויפֿן עקראַן
אַ ליבע, פֿײַער־פֿלאַם,
ס׳האָט ניט געקענט פֿאַרלעשן אים
דער טיפֿסטער ים.

אַ וועלט האָט זיך געטרונקען
אין יענעם ליבע־ברען
און איך האָב זיי געזונגען
דעם אייביקן רעפֿריין.

מוזיק

דער יונגער פֿידלער
האָט, ווי בלומען ליכטיקע,
קלאַנג נאָך קלאַנג פֿאַרזייט
און די צוהערערס אין זאַל
האָבן מיט דעם יונגן פֿידלער
קלאַנגיק זיך געפֿרייט.

דער קאָמפּאָזיטאָר
וואָס בײַם סאַמע סוף פֿון לעבן
האָט באַשאַפֿן די מוזיק,
אפֿשר האָט אים דעמאָלט גאָט
דעם סוד אַנטפּלעקט:
ווי מען קומט פֿון דאָרט
צוריק.

♦

פֿאַראַן אַ טאָג
וואָס מען באַווײַזט אין אים
מער ווי אין אַ יאָר –
אַ טאָג וואָס לאָזט דיר טאָן
און קלערן גוט
אַפֿילו נאָך אַ חלום־נאַכט אַ בלוטיקע,
אַ טאָג באַשערט צו גוט,
וואָס וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך
די אַלטע קליידער,
דעם שווייס, די מידקייט
און די יאָרן,
פֿאַראַן אַ טאָג
אַן אויסדערוויילטער
וואָס שרײַבט
ווי פֿון דאָס נײַ
אַ זוניקן זכּרון.

אַ געבעט

עס קען ניט זײַן
דו זאָלסט ניט שפּירן
מײַן נאָענטקייט צו דײַן ווײַט,
עס קען ניט זײַן
איך זאָל פֿאַרלירן
די צווייִקייט מיט זיך
אין שמייכל און אין טרער
און בלײַבן בלויז מיט זיך
אָן דײַן דערזע, דערהער -

איז טו צוליב דאָס ליד
וואָס זוכט אַ טראָפּן גליק
און קום אַ מאָל צו חלום מיר
אַן איינציק אויגנבליק – – –

בלעטער

נעמט מיך
אין אײַער קיניגרײַך אַרײַן,
רויִק און גרין און זיכער.
לערנט מיך
פֿאַרשטײן װאָס װינט
דערצײלט אײַך
בעת ער װערט אַ װיכער.

נעמט מיך
אין אײַער קיניגרײַך אַרײַן
װאָס בײַם פֿאַרלירן אַ בלאַט
איז נאָך אַלץ ניט פֿאַרלאָרן.
װײַזט מיר יענעם װעג
פֿון װידער־בלעטערדיקע
יאָרן.

אַ זעונג

אַזוי ווי דו פֿלעגסט מאָלן,
באַגלייט פֿון אַ קלאַנג,
שרײַב איך אַ ליד.

פֿון דער לעצטער שורה
טרערט אַראָפּ אַ קאָליר
וואָס טוט אַ פֿאַרשמיר
דאָס ליד

און בלויז דער קלאַנג
גלעט נאָך מילד
דײַן בילד.

◆

אַ פֿרײַער טאָג.
אַ זעלטן פֿרײַער טאָג.
מײַן שכן קאָן מיך פֿירן
ווּ איך וויל.
ניט שווער איז צו דערפֿאָרן.
איך האָב געציילט אַדרעסן
ווי ציילנדיק די יאָרן
און האָב דערזען:
ניטאָ צו וועמען פֿאָרן.

געפֿונען איין אַדרעס –
נאָך ניט פֿאַרלאָרן –
וואָס נעמט מיך אויף
אין שקיעה מיט אַ פֿלאַם:
איך
פֿאָר
צום
ים.

♦

װען איך שנײַד אַרױס
די בלעטער די פֿאַרװעלקטע
װערט אױך רײנער מײַן געמיט.
װי מיטגעבליט מיט גאָר די צװײַגן
און די בלעטער.
נאָר טױענדיק אַ קלער
שױן שפּעטער,
אַז אײנער װידער בליט
און אײנער ניט,
בלײַב איך שטײן פֿאַרלאָרן
און זוך נאָך אַלץ דעם יושר
אױך אין קאָסמישן זכּרון

װוּ אומפֿאַרשעמט
ער גײט פֿאַרלאָרן.

דאָס ליד מיטן אַלטן רעפֿריין

דאָס ליד מיטן אַלטן רעפֿריין
קומט ווידער און ווידער צו גיין,
געדענקט ניט די ווערטער גענוי
נאָר בענקט צו דער טרער וואָס אין זיי,
וואָס האָט ניט קיין מורא פֿאַר צײַט
און וואָס זוכט אַלץ דעם רײַטער וואָס רײַט
מיט גאָלדענע שפּאָרן באַצירט,
וואָס קומט און זאָגט צו און פֿאַרפֿירט,
דעמאָלט געדענקט זי די טרער
און בעט אין די ווערטער אַ שווערד
באַגאָסן מיט זיסן געוויין
און נאָך דעם, –
דער אַלטער רעפֿריין.

ביימער

די ביימער זײַנען אַלט געוואָרן
און אויך עפּעס געלערנט
וואָס קיין מאָל וועלן מיר ניט קענען.
און ווי פּלמַסיק מיר זאָלן ניט זײַן
תּמיד דעם לערנען געטרײַ
וועלן מיר קיין מאָל ניט קענען ווי זיי
בליִען אויף ס'נײַ.

◆

איך זע ווי ס׳בײַט דער טאָג זײַן ליכט
און טונקל ווערט אין בליק.
אַזוי ווי ס׳בײַט זיך אַ געזיכט
דערוויַטערט און צוריק.

איך זע די ווײַזערס אין פֿאָרויס
באַרירן שעה נאָך שעה
ווו מיטן העלן טאָג גייט אויס
דער אָקערשט יונגער דאָ.

און ס׳קומט אַן אַנדער ליכט צו גיין
פֿון ערגעץ פֿרעמד און ווײַט,
ווו אויך דער טאָג פֿאַרבלײַבט אַליין
אין גאָר אַן אַנדער צײַט.

צו זיך

וואָס טוט מען מיט פֿינף און אַכציק יאָר?
ווי נעמט מען זיי מיט
אויף ניט צו פֿאַרלירן?

מען לייגט זיי צוזאַמען
אין שיכטן פֿון ליבשאַפֿט
און צער

מען בינדט זיי צוזאַמען
מיט ליכטיקער פֿרײַנדשאַפֿט
אַרום, מיט זכּרון פֿאַרהיט

און מען זעצט זיך אַנידער
אָנטרעריק
פֿאַרשרײַבן אַ ליד.

2010

גיין

וואָס מיינט גיין?
שטעלן טריט און גיין?
אַוועקגיין פֿון פֿאַרגיין?
אַוועקגיין פֿון אַליין?
גיין.
ווי ס׳גייט דער ווינט,
ווי וואָלקן גייט
און ווערט ניט מיד,
גיין
און קומען צו אַ ליד.

אַ נסיעה

איך פֿאָר מיט דיר
דאָס האַרץ פֿאַרשטילן,
איך פֿאָר מיט דיר
די יונגשאַפֿט נאָך אַ מאָל דערפֿילן,

איך פֿאָר מיט דיר
אַפֿילו אויב כ׳וועל ניט דערפֿאָרן
און בלויז באַרויִקן
די בענקשאַפֿט פֿון זכרון.

איך פֿאָר מיט דיר
אַפֿילו ניט פֿאַרבלײַבן,
זאָל זײַן בלויז ווירטועל
פֿאַרשרײַבן.

אין שפּיגל

דאָס ביסט דו –
ניט קיין אַנדערע.
אַנדערש איז די צײַט
וואָס רינגלט דיך אַרום,
דאָס ביסט דו.

די זעלבע ליבשאַפֿטן
נעסטיקן אין דיר,
די זעלביקע געדענקשאַפֿטן
באַגלייטן דײַנע טריט,
און די זעלבע טרייסט
וואָס קומט צעבלוטיקט
פֿון געראַנגל
שרײַבט דײַן ליד.

◆

מען שרײַבט ניט
אויף צײַט־פֿאַרטרײַב
מען שרײַבט
אויף צײַט־פֿאַרבלײַב,
צײַט זאָל פֿאַרבלײַבן –
מישט זיך דער זײגער אַרײַן
אין איעדער שורה פֿון ליד
און זאָגט אָן:
אַ שעה איז פֿאַרבײַ,
אַ טאָג,
אַ יאָר,
אַ לעבן.

2011

צום גאָרטן

האָב נאָך אַ ביסל געדולד,
האַלט אויס, גיב זיך ניט אונטער,
נאָך אַ קאַפּל געדולד (ווי איך),
ניט כּדאַי זיך מיט אַלץ געזעגענען,
האַלט אויס,
באַלד, גאָר אין גיכן
וועט רעגענען.

2009

ווערטער

עס ציט צום וואָרט
וואָס רופֿט זיך וווּנדער
צוליבן ווּנד וואָס שווײַגט
אין האַרץ פֿון וואָרט.
און ווי אַ צווילינג איז
דאָס וואָרט מיט מיר
פֿאַרבונדן –
אַ וווּנדער
אַז מען שטאַרבט ניט
אויף אַן אָרט.

בײַ אַ פֿאַרבליטער בלום

מיר האָבן בײדע זיך באַגעגנט נאָכן בלי,
געדענקט די אַנדערע קאָלירן,
פֿאַר בײדן איז אַצינד ניט פֿרי
און קאָן אין ערגעץ ניט דערפֿירן.

אויף דינעם שטעגל שלאָפֿט דער ווינט
און ס'קאָן די בלום אים שוין ניט וועקן,
אין אַ וועלט וווּ אַלץ פֿאַרשווינדט
וועט זיך די בלום ניט שרעקן.

זי וועט בליִען פֿון דאָס נײַ
ווי ערשט צום בלי אַרויס,
צי בײדע וועלן טרעפֿן זיך אויף ס'נײַ?
ווער ווײס,
ווער ווײס...

2009

אַ נאַכט

אַז איך וועל בלײַבן אויפֿן פּאַפּיר
אין אַ גאָלדענער שורה פֿון מיר צו דיר
וועלן ביימער הערן אויף זייער אָרט,
באַנעמען שווײַגיק וואָרט נאָך וואָרט.

אַז איך וועל בלײַבן אויפֿן פּאַפּיר
אין אַ גאָלדענער שקיעה פֿון אָוונט־באַריר
וועט אַ פֿויגל זיך אָפּרוען פֿון זײַן געפֿלי,
און ווערטער דערהערן דעם וווּנדער פֿון בלי.

אַז איך וועל פֿאַרבלײַבן אויפֿן פּאַפּיר
וועט קומען מײַן וואָרט, ווי אַ פֿויגל, צו דיר,
דו זאָלסט דערהערן די בלײַיקע פֿרייד
וואָס אַ וואָרט קאָן פֿאַרשאַפֿן
אייביקערהייט.

רינגען אין אַ בוים

אין בוים קומט צו אַ רינג,
אין מיר – אַ דאָרן,
דער בוים ווערט עלטער מיט אַ יאָר,
צעבליט אַ צווײַג,
אין מיר – פֿאַרבלײַבט זכּרון.

אין בוים קומט צו אַ רינג
און צווײַגן גרינען,
אַ פֿויגל קומט און זינגט צו אים
דאָס יונגע ליד
וואָס איך וויל אויך געפֿינען.

אין בוים קומט צו אַ רינג
וואָס בליט,
אין מיר – די צײַט און דאָס געמיט.

כַּרְמֶלָה רובין

אַ ליד צו כַּרְמֶלָה,
אַ ליד ווי אַ תּפֿילה,
קיין זילב זאָל ניט פֿעלן
אין ים פֿון געפֿילן.

אַ ליד פֿאַר כַּרְמֶלָה,
במַם האַנט מיך גענומען
הערן ווי ס׳רעדט די נשמה
אין היכל פֿון בילדער און בלומען.

כַּרְמֶלָה, כַּרְמֶלָה,
מיט ליבשאַפֿט און קלאַנג
אין בלומיקן טויער פֿון ליד,
צו דיר איז מײַן דאַנק.

◆

עס העלפֿט מיר די זון,
עס העלפֿט מיר דער ווינט,
זיי גלעטן מײַן העמד
ווי מען גלעט אַ קינד.

איך זע ווי עס וויגט זיך
מײַן העמד אויפֿן שטריק
אַזוי ווי אין וויגל:
אַהין און צוריק.

די זון ווערט מײַן מאַמע,
דער ווינט נעמט זי צו,
עס וויגט זיך פֿאַריתומט
מײַן העמד ערגעץ וווּ.

◆

די אמתע זאַכן
פֿאַסירן אַליין
אָן קיינעמס האַנט.
די אמתע זאַכן פֿאַסירן
אַן אויגנבליק
ווען קיינער זעט ניט
ווי אַ טראָפּן טוי
טוט אַ קוש די ערד
און מיט ערשטן שײַן
פֿון זונאויפֿגאַנג
זינגט אַרויס אַ גרעזל
שלאַנק און דין און גרין
ווי אַ טעפּעך פֿאַר גאָט –
וואָס ווייסן מיר
דעם תּענוג פֿון אַ גראָז
מיט ערד און הימל
ווען די אמתע זאַכן פֿאַסירן.

מיט מײַנע אַמאָליקע שילערס
אין קיבוץ המעפּיל

באַגעגנט פֿאַרגאַנגענע יאָרן
און קוים זײ דערקענט
און זײ, די פֿאַרגאַנגענע יאָרן
האָבן געגלעט מײַנע הענט.

מיט וואַרעמע הײמישע בליקן
מעשׂיות דערציילט פֿון אַ מאָל,
געפֿירט מיך צו ווײַטע צוריקן
ווו ווערטער פֿאַרלירן דעם קול

און איך האָב געפּרוווט זײ דערהערן,
דערהערן די שטילקייט אין מיר,
נאָר ס׳האָבן באַגאָסן די טרערן
דעם קאַלטן פּאַפּיר.

וואָס ווייסטו, דו נאַרעלע אַלטע,
וואָס פֿאַרגאַנגען איז מער שוין ניטאָ,
דו זוכסט וואָס אין זײ איז באַהאַלטן –
אַ דערטרונקענע שיף אויפֿן דנאָ?

ס׳וועט אפֿשר אַ מאָל ווער געפֿינען
די אוצרות אין ווערטער פֿאַרהיט
און ווי זעלטענע רויטע רובינען
באַצירן מיט זײ אַ ליד.

עפּילאָג

עס קומט אַ צײַט ווען ווערטער ווילן זיך דערציילן
אָן רחמים אויך צו זיך אַליין.
מען זאָגט, אַ וואָרט קאָן פֿאַרהיילן
און קאָן אויך טרעפֿן ווי אַ שטיין.

ווען איך לאָז זיי צו דער פֿרײַ אַרויס,
צעעפֿן יענעם טויער פֿון פֿאַרגעס,
הער איך ווי זיי זאָגן מיר:
ס׳איז דײַן יעדער טאָג אַ נס.

בעט איך זיי: דערציילט מיר מער,
קומט און רעדט און זאָגט און היילט.
רינט פֿון זיי, ווי אַ געבעט, אַ טרער:
– לאָז אונדז בלײַבן ניט דערציילט.

אַ קאָנצערט

ווען זיי בײַטן כאָטש דעם נאָמען פֿון לאַנד
ווו מען האָט אונדז פֿאַרברענט
וואָלט איך אפֿשר הנאה געהאַט
פֿון די יונגע מוזיקערס
בײַם קלאַוויר
און פֿון די יונגע זינגערס
אויף דער בינע.

ווען זיי בײַטן כאָטש דעם נאָמען
פֿון לאַנד, פֿון וואַנען זיי שטאַמען
וואָלט איך הנאה געהאַט –
איך הער ווי בלוטיקע טראָפּנס רינען אַראָפּ
אַזוי ווי ביקסן צעשיסן די קלאַנגען.

ווען זיי וואָלטן כאָטש דעם נאָמען
פֿון זייער לאַנד געביטן –
אוישוויץ און
דערנאָך –
ליטע.

◆

אויף מײַן שטעגעלע ערד װוּ איך לעב
קומען קעץ
און ציִען זיך חוצפּהדיק אויס
װי די ערד װאָלט געהערט צו זײ.

די פֿוילע פֿאַרדרימלטע קעץ
װערן באַזיצער פֿון מײַן פֿאַרמעג.
די צײַט לאָזט זײ צו רו,
אָפּן פֿאַר זײ, אָן אַ שלאָס, אָן אַ טיר,

זעט אויס, זײ קענען די װעלט
בעסער פֿון מיר
װעמען די ערד געהערט:
ניט זײ
און ניט מיר.

אין פֿרילינגוועג

זײ דערמאָנען מיר:
אַ יאָר פֿאַרבײַ
און ווידער בליִען זײ,
באַגלייטן מײַנע טריט
ווי זייער בליִונג
וואָלט געדענקט מײַן ליד צו זײ
פֿון פֿאַר אַ יאָרן –

צי האָבן בלומען אויך
זכּרון?
איך קלער, אַז אַלץ
וואָס ווערט אין צײַט
פֿאַרלאָרן און פֿאַרבײַ,
געדענקען זײ די בלומען
און בליִען פֿון דאָס נײַ.

ליטע

די נאָדלבײמער שטעכן מײַנע טריט.
אַ װײכער טעפּעך פֿירט צום טויטנטאָל,
װוּ אַלע בײמער גײען מיט
צום תּהום װאָס הײסט: *אַמאָל*.

אין יענע װעלדער פֿון אַמאָל
קלײַב איך פּאָזעמקעס און כ'שװער
אַז זײער רויטקײט איז פֿון בלוט
און זײער טעם – אַ טרער.

די נאָדלבײמער שטעכן מײַנע טריט,
דער װײכער טעפּעך נאַרט מיך אָפּ,
אַהין גײט קײנער מער ניט מיט,
אַהין, צום באַרג־אַראָפּ.

2009

◆

מײַן בוים האָט זיך אַנטפּלעקט מיט בלאַסע בלעטער
און מער קײן פּרוכט שוין ניט געגעבן,
אַזוי האָט מיר דער בוים דערציילט
ווי אים איז אומעטיק אין לעבן.

כ׳האָב ניט געזען אויף זײַנע צווײַגן
אַ פֿויגל קומען זאָל כאָטש איינער,
און כ׳האָב דערהערט זײַן קול אין שווײַגן
ווי בײַ אַ מענטש וואָס קאָן ניט וויינען.

מײַן בוים, נאָך אַלע פּרוכטיק־זיסע יאָרן,
די צײַט אים קאָן שוין ניט פֿאַרריכטן,
איך שטיי בײַ זײַנע בלעטער ווי פֿאַרלאָרן,
דערצייל אים גאָר אַן ענלעכע געשיכטע.

אַ חלום

אַ נאַכט מיט דזשין־און־טאָניק
אַ חלום – אַ געטראַנק,
אַ נאַכט, אַפֿילו מאָנאָטאָניק,
דעם מאָרגן זאָג אַ דאַנק

פֿאַר אויפֿמאַכן די אויגן
און זען אויף ס'נײַ די וועלט,
זאָל זײַן אַפֿילו פּורים
וואָס איז אין פֿרייד פֿאַרשטעלט.

און נאָך דעם דזשין־און־טאָניק
ווילט זיך מיר פֿאַרשרײַבן –
אויב נאַכט האָט זיך פֿאַרשיכּורט
זאָל ניכטער ס'ליד פֿאַרבלײַבן.

וווּנדער

אָט קום איך צו אײַך, איריסן װײַסע,
בלומען אָן נאָנטע, אָן פֿרעמדע,
דער רעגן האָט אײַער דאָרשטיקן חלום
אין בליִונג באַנײַט.

ניט איך האָב געשטילט אײַער דאָרשט, איריסן װײַסע.
ניט איך האָב פֿון אײַך די שטעכערס פֿאַרטריבן.
די זון האָט געדאגהט פֿאַר אײַך װי אַ מאַמע,
די זון װאָס מיט אײַך איז פֿאַרבליבן.

אַצינד קװעלט מײַן האַרץ: װי שײן איר זײַט דאָ!
מיט אײַער פֿאַראַן קומט צו מיר אַ פֿאַרקלער, –
כּל־זמן די זון און דער רעגן איז דאָ
װעט בליִען דער טאָג אויך פֿאַר מיר
אָן אַ טרער.

◆

וואָס דערציילט די נאַכט
אין שעהען פֿלאַמיקע?
זי דערציילט פֿון יאָרן
ניט פֿאַראַניקע.
זי דערציילט פֿון ליבשאַפֿט
זוניק־בלומיקע
וואָס באַשײַנט די נאַכט
און די אַרומיקע.

וואָס דערציילט די נאַכט
ווען שטערן לעשן זיך?
זי דערציילט פֿון ליכטער העלע
וואָס פֿאַרלעשן זיך,
דאַן פֿאַרבלײַבט די נאַכט
אין טונקל אַ פֿאַרזונקענע
ווי אַ שיף מיט גאָר איר פּראַכט
אַ דערטרונקענע.

אַ ליד

געקומען איז צו מיר אַ ליד
וואָס איז פֿון לאַנג געווען
און האָט געבעטן שרײַבן זי
ווי גאָר מיט זעכציק יאָר צוריק.
פֿרעג איך:
– ווער האָט דיך געשיקט?

– קיינער ניט. אַליין אין וועג פֿון צײַטן ווײַט
און זוך נאָך גליק...
מיט זעכציק יאָר צוריק
האָב איך געפֿונען אַ פֿאַרמעג,
נאָר ס'האָט די צײַט אין איר געלויף
מיך באַרויבט אין וועג –
עפֿן איך בײַ נאַכט די טיר,
זוך אין נאַכט אַ ליכט
און איך ענטפֿער:
ליד, מײַן ליד,
ס'האָט די צײַט
באַרויבט אויך מיך – – –

◆

אַ מאָל האָב איך פֿון פֿעלד געבראַכט
דיר בלומען
דו זאָלסט מאָלן.
אַזוי פֿאַרבליבן איז
דאָס בילד.
עס האָט די אייביקייט
ניט אָפּגעמעקט
אונדזערע אַמאָלן,
זיי זמנען דאָ, פֿאַרהיטע
אין אַ טרער
און אין אַ ליד.

אַ נאַכט

פֿאַר רֶנֶה

ווער שרײַבט אַ ליד אין מיטן נאַכט? –
דער זכּרון.
וואָס זוכט ער אין דער נאַכט? –
אַלץ וואָס איז פֿאַרלאָרן.

פֿאַר וואָס וויל ער דאָס פֿאַרלאָרענע געפֿינען? –
צו פֿאַרהיטן פֿון אײביקן אַנטרינען.

און פֿאַר וואָס האָט ער מורא צו געפֿינען? –
כּדי ניט אַראָפּ פֿון זינען.

טאָ ווער זשע שרײַבט אין מיטן נאַכט די ווערטער,
ווער ווייס פֿאַר וועמען נאָך דערהערטע.

◆

איך ווייס ניט וואָס די ווײַסקייט פֿון פּאַפּיר
וויל זאָגן,
מיט וואָס זי וויל פֿאַרפּוצן איר נאַקעטן געמיט,
אפֿשר מיט אַ ליכטיקן זכּרון.
און אפֿשר מיט אַ ליד.
פּרוּוו איך טרעפֿן וואָס די ווײַסקייט
און פֿאַרשרײַב עס וואָרט בײַ וואָרט.
לייען איך פֿון אָנהייב אָן
אין די שורות דעם באַטײַט,
ענטפֿערט מיר אַ שטילקייט וואָס דערמאָנט
אַז דאָס וואָרט
האָט בלויז די צײַט.

ליד־מוזיק

מיר זײַנען לײַבלעך נאָענט
אַפֿילו פֿון דער ווײַט.
אַ קלאַנגיקער פֿאַרבונד
אַריבער אָרט און צײַט.

מיר שרײַבן זיך אַרײַן
אויף ניט צו גײן פֿאַרלאָרן,
דער אָטעם ווערט אַ קלאַנג
און בלײַבט אין דעם זכּרון.

דעמאָלט קומט אַ וואָרט
פֿון קלאַנגיקן געמיט
און שרײַבט זיך אויך אַרײַן
אין אָטעם־ליד.

אין וועג קיין ירושלים

פֿאַר רוֹעִי

עס האָבן אונדז אַרומגענומען בלווילעך־אָוונטיקע בערג
ווי מיט פֿעלדזן־הענט געפֿירט אונדז הימלהויך,
אַ שמאָלער שטעגל האָט געוואָרנט ניט צו זײַן פֿאַרקלערט,
קלעטערן אין בערג פֿאַרנעפּלט ווי אין רויך.

עס האָבן אונדז פֿאַרכּישופֿט בערג, ווי שרעטעלעך און ריזן,
מיט גאָר דער פֿאַרביקייט וואָס צײַט פֿאַרפֿירעריש פֿאַרמאָגט
און לאָזט ווי מיט אַ זעלטענער ברייטהאַרציקייט געניסן
דעם קאָלאָריט פֿון פֿאַרבן־חלום צווישן נאַכט און טאָג.

עס האָבן אונדז די בערג אַרומגענומען ווי מיט גוטע הענט,
געפֿירט אונדז שטעג נאָך שטעג צו ליכט, צו שײַן,
קיינער האָט אַזוי געטרײַ אַרומנעמען אונדז ניט געקענט
און לאָזן אונדז אין כּישוף באַרגיקן אַרײַן.

שטורעמס

אַ שטורעמדיקער איז געווען דער וועטער
די בליִונגען געשלײַדערט צו דער ערד
און כ׳האָב געזען צעשויבערטע די בלעטער
שטורעמדיק פֿאַרטערט –

און איך האָב זיך פֿאַרקוקט אין אָט די בלעטער
און נאָכגעטראַכט, בײַ מיר איז גאָר פֿאַרקערט
עס טרעפֿט אין זוניק־שענסטן וועטער
שטורעמט אינעם ליד אַ טרער.

נאַסטורציעס

זיי קומען
גענוי צו מײַן היים.
אין זיי איז קיין זאַך ניט געענדערט.
דער זעלביקער קאָליר.
ניט גראָ, ניט אַלט,
ווי ערשט געבאָרן.
פֿון יאָר צו יאָר
העלפֿן זיי מיר זינגען,
נאָר העלפֿן ניט
פֿון יאָר צו יאָר
ווערן ייִנגער.

מִפִּי שָׁכֵן
(וואָס אַ שכן זאָגט)

דאָ לעבט אַן אַלטע פֿרוי
וואָס הערט אַ גאַנצן טאָג מוזיק
און ראַמט און וואַשט און קאָכט
און הענגט אַרויס אין זון
די העמדער אירע.
אַן אַלטע פֿרוי וואָס לייענט צײַטונגען און ביכער.
באַגינען וואַרט אויף איר
אין גאָרטן
איר אַלטער בוים
וואָס חבֿרט זיך מיט איר
זינט יאָרן
און זי איז נאָנט צו אים
מיט אַלע אירע גלידער,
אַן אַלטע פֿרוי
וואָס שרײַבט נאָך לידער.

Johaness Brahms
טשעלאָ־סאָנאַטן

איך אָטעם מיט זײַ
און לעב
אַ פֿויגל בין איך
און שוועב
אַ גרעזל בין איך
און גרין
און ווײס שוין ניט מער
ווער איך בין –
די נאַכט איז לאַנג
און בלינד
אין דער פֿינצטער
פֿאַרשווינדט
איך אָטעם אַרײַן
אַזאַ פֿרייד
זי קומט
טרעריקערהײט
זאָל איך פֿאַרשטײן
דעם זין?
און כ׳ווײס שוין ניט מער
ווער איך בין –

◆

די רויז איז פֿאַרבליט.
זעט אויס – אַ רחמנות.
איך פֿרעג שטילערהייט
ווער האָט דיר געטאָן עס?

זי ענטפֿערט ניט מער.
אירע פֿאַרבן ווי שאָטנס,
די רויזיקע שײנקייט
שווײַגט, ווי צעטראָטן.

ווען מען אַרט עס, ווער זעט
אַ רויז וואָס פֿאַרשווינדט,
ווער איז איר מאַמע?
און זי, וועמענס קינד?

פֿאַראַן ערגעץ ווו –
פֿאַר אונדז איז אַ סוד, –
אַ רויזיקע מאַמע
וואָס איז אײביק ווי גאָט.

אין אַ שטורעם

אָן ווערטער
האָט מיר אַ פֿויגל באַוויזן
אונדזער לײַבלעכע נאָנטשאַפֿט;
דער פֿויגל האָט געזוכט ווו זיך באַהאַלטן
פֿון שטורעם,
אַזוי ווי איך.
ער האָט געזוכט אַן אָרט
ניט צו פֿאַרלירן די פֿליגל,
אַזוי ווי איך.
דער טאָג האָט ביימער געבראָכן,
בלומען געשלײַדערט צו ערד
און איך האָב געזען דורך דער שויב
די עקשנות פֿון פֿויגל:
בלײַבן פֿאַרהיט,
אַזוי ווי איך
אין ליד,
אַזוי ווי איך.

ייִדיש

ווי גוט איז מיר
אַז איר פֿאַרשטייט ניט
וואָס איך שרײַב.
אַ פֿויגל פֿרײַ
וואָס מעג אַנטפּלעקן
תּהום און הימל.
נאָר ווען איך האַלט בײַם סוף
ווען איך פֿאַרשרײַב
דאָס האַרץ־געקלאַפּ אויף ייִדיש,
אַנטהילט זיך פֿון באַהעלטעניש
אַ טרער פֿון מײַן געמיט
צום ניט פֿאַרשטיין
מײַן ייִדיש ליד.

אַ געדענקשאַפּט אין אַן אומעטיקן טאָג

איך געדענק אַפּילו הײַנט נאָך מער
טיף אין מיר
ווען אין געטאָ נאָך אַן אַקציע
פּוסטע צימערן אַרום
שפּילצײַג אויך צעשאָסענע
ברעקלעך אין אַ פּוסטן טעלער
פֿון די וואָס האָבן הונגעריק געאָטעמט
און מיט אונדז בשכנות נאָך געהאָפּט
און מיר – בנס דאָס מאָל געראַטעוועט
פֿון באַהעלטעניש אַרויס
מיט ערשטן שײַן פֿון טאָג.

אַן אומפֿאַרשעמטע לעבנספֿרייד האָט אונדז באַנומען
פֿון זיך אַליין, נאָך מיט פֿאַרטרערטע אויגן
און מיט דער אײַנגעקריצטער שרעק
אַ ניט־געבעטענע, אַ חוצפּהדיקע פֿרייד צו לעבן –
גאָט, ווי איך געדענק די רגע
מיט אַ טרער
הײַנט נאָך מער.

סאַפּפֿאָ פֿון לעסבאָס[1]

סאַפּפֿאָ פֿון לעסבאָס,
בײַם לייענען איר ליד
"צו די חנעוודיקע מתּנות
פֿון די מוזעס"

סאַפּפֿאָ פֿון לעסבאָס האָט גענומען די צײַט פֿאַר אַ האַנט
און געפֿירדט ווײַזן
אירע גרויע האָר,
אירע אַלטע קני,
איר אָן אויסוועג
ווערן אַלט.
נאָר איר ליד, וואָס איז עלטער פֿון איר
מיט צוויי טויזנט זעקס הונדערט יאָר
האָט זיך אַ האָר ניט געעלטערט,
און ווײַל זי האָט אַזוי מענטשלעך באַרירט און פֿאַרשטאַנען
אַז די איינציקע ווונד איז די צײַט –
ניט מאַכט, ניט געלט –
איז זי פֿאַרבליבן אויף אייביק
די ייִנגסטע אין דער וועלט.

---

1. סאַפּפֿאָ פֿון לעסבאָס. אַ גריכישע דיכטערין פֿון 630טן יאָר פֿ"ק.

אין אַ שמועס וועגן שרײַבן

פֿאַר שווּהן

שרײַבן דאַרף מען פֿון אינעווייניק,
וואַרטן ביז דער דרויסן ווערט אינעווייניק
פֿון טיפֿן אַרויס,
פֿון תּהומען,
פֿון פֿלאַמיקער טיפֿקייט אין ערד,
אַזוי דאַרף מען שרײַבן
אויב ס׳איז באַשערט.
טאָמער ניט, –
ווי דאַרף מען שרײַבן?
ווער קען וויסן דערפֿון?
בלויז דער וואָס הייבט אָן פֿאַרשטיין
די ווערטער צווישן זײַן און פֿאַרגיין,
די ווערטער וואָס בלויז זיי
בלײַבן –
טאָ ווי דאַרף מען שרײַבן?

אַ ליבעליד

מיר האָבן זיך געשיידט
נאָר ניט אַנטרונען,
מיר האָבן אויך אין דעם צעשייד
זיך אָפּגעפֿונען.

געלערנט צו געדענקען
בילדער אָן אַ שיעור,
געדענקען אין קאָלירן
דעם אָטעם פֿון באַריר.

געלערנט אויך באַדאַנקען
פֿאַר דער געדענקשאַפֿט קלאָר
וואָס תּמיד האָט פֿאַראַנקערט
אין גאָר אַן אַנדער וואָר.

מיר האָבן זיך געשיידט,
ווי ניט געוואָרן,
נאָר אַלע מאָל באַגלייט
די לאַנג צעשיידטע יאָרן.

אינהאַלט

רבֿקה באַסמאַן בן־חיים

פּאָעט און איבערזעצערין, געבוירן 1925 אין ליטע, געלערנט אין אַ ייִדישער פֿאָלקשול און ליטווישער גימנאַזיע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ווילנער געטאָ און צוואַנגלאַגער פֿאַר פֿרויען. נאָך דער מלחמה אָנטייל גענומען אין דער "בריחה"־באַוועגונג אין אייראָפּע. עולה געווען אין 1947, זיך באַטייליקט אין דער באַפֿרייִונג־מלחמה ("הגנה"). פֿאַרענדיקט אַ סעמינאַר און געאַרבעט ווי אַ לערערין אין קיבוץ "המעפּיל". 1963–1965 אין דער ישׂראל־אַבמאַסאַדע אין מאָסקווע מיט איר מאַן דעם קינסטלער מולה בן־חיים. אָנגעהויבן שרײַבן לידער אין די קינדער־יאָרן, מיט־גרינדערין פֿון דער שרײַבער־גרופּע "יונג־ישׂראל", אַרויסגעגעבן 10 לידער־זאַמלונגען און אַ צווייבענדיקע יובֿל־אויסגאַבע א"נ "לכּבֿוד איך און דו". לאַורעאַטין פֿון מאַנגער־פּרײַז און אַ צאָל ליטעראַרישע פּרעמיעס.

מײַן לשון איז אַ ליד.
ניט יִידיש, ניט עבֿרית,
לשון־ליד.
מײַן לשון איז די צײַט.
ניט די צײַט װאָס בײַט, פֿאַרבײַט,
נאָר די, װאָס זי געדענקט
און פֿאַרהיט אַ שפּור פֿון טריט
אין לשון־ליד.

ISBN 978-965-553-031-5

בית שלום עליכם

מײַן לשון איז אַ ליד.
ניט ייִדיש, ניט עבֿרית,
לשון־ליד.
מײַן לשון איז די צײַט.
ניט די צײַט וואָס בײַט, פֿאַרבײַט,
נאָר די, וואָס זי געדענקט
און פֿאַרהיט אַ שפּור פֿון טריט
אין לשון־ליד.

ISBN 978-965-553-031-5

9 789655 530315

בית שלום עליכם

רבֿקה באַסמאַן בן־חיים

פּאָעט און איבערזעצערין, געבוירן 1925 אין ליטע, געלערנט אין אַ ייִדישער פֿאָלקשול און ליטווישער גימנאַזיע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ווילנער געטאָ און צוואַנגלאַגער פֿאַר פֿרויען. נאָך דער מלחמה אָנטייל גענומען אין דער "בריחה"־באַוועגונג אין אייראָפּע. עולה געווען אין 1947, זיך באַטייליקט אין דער באַפֿרייונג־מלחמה ("הגנה"). פֿאַרענדיקט אַ סעמינאַר און געאַרבעט ווי אַ לערערין אין קיבוץ "המעפּיל". 1965–1963 אין דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע מיט איר מאַן דעם קינסטלער מולה בן־חיים. אָנגעהויבן שרײַבן לידער אין די קינדער־יאָרן, מיט־גרינדערין פֿון דער שרײַבער־גרופּע "יונג־ישׂראל", אַרויסגעגעבן 10 לידער־זאַמלונגען און אַ צווייבענדיקע יובֿל־אויסגאַבע אין "לכּבֿוד איך און דו". לאַורעאַטין פֿון מאַנגער־פּרײַז און אַ צאָל ליטעראַרישע פּרעמיעס.

אינהאַלט

אַ ליבעליד

מיר האָבן זיך געשיידט
נאָר ניט אַנטרונען,
מיר האָבן אויך אין דעם צעשייד
זיך אָפּגעפּונען.

געלערנט צו געדענקען
בילדער אָן אַ שיעור,
געדענקען אין קאָלירן
דעם אָטעם פֿון באַריר.

געלערנט אויך באַדאַנקען
פֿאַר דער געדענקשאַפֿט קלאָר
וואָס תּמיד האָט פֿאַראַנקערט
אין גאָר אַן אַנדער וואָר.

מיר האָבן זיך געשיידט,
ווי ניט געוואָרן,
נאָר אַלע מאָל באַגלייט
די לאַנג צעשיידטע יאָרן.

אין אַ שמועס וועגן שרײַבן

פֿאַר שוּרהן

שרײַבן דאַרף מען פֿון אינעווייניק,
וואַרטן ביז דער דרויסן ווערט אינעווייניק
פֿון טיפֿן אַרויס,
פֿון תּהומען,
פֿון פֿלאַמיקער טיפֿקייט אין ערד,
אַזוי דאַרף מען שרײַבן
אויב ס'איז באַשערט.
טאָמער ניט, –
ווי דאַרף מען שרײַבן?
ווער קען וויסן דערפֿון?
בלויז דער וואָס הייבט אָן פֿאַרשטיין
די ווערטער צווישן זײַן און פֿאַרגיין,
די ווערטער וואָס בלויז זיי
בלײַבן –
טאָ ווי דאַרף מען שרײַבן?

סאַפּפֿאָ פֿון לעסבאָס[1]

סאַפּפֿאָ פֿון לעסבאָס,
בײַם לייענען איר ליד
"צו די חנעוודיקע מתּנות
פֿון די מוזעס"

סאַפּפֿאָ פֿון לעסבאָס האָט גענומען די צײַט פֿאַר אַ האַנט
און געפֿירט ווײַזן
אירע גרויע האָר,
אירע אַלטע קני,
איר אָן אויסוועג
ווערן אַלט.
נאָר איר ליד, וואָס איז עלטער פֿון איר
מיט צוויי טויזנט זעקס הונדערט יאָר
האָט זיך אַ האָר ניט געעלטערט,
און ווײַל זי האָט אַזוי מענטשלעך באַרירט און פֿאַרשטאַנען
אַז די איינציקע וווּנד איז די צײַט –
ניט מאַכט, ניט געלט –
איז זי פֿאַרבליבן אויף אייביק
די ייִנגסטע אין דער וועלט.

---

1. סאַפּפֿאָ פֿון לעסבאָס. אַ גריכישע דיכטערין פֿון 630טן יאָר פֿ"ק.

אַ געדענקשאַפּט אין אַן אומעטיקן טאָג

איך געדענק אַפּילו היינט נאָך מער
טיף אין מיר
ווען אין געטאָ נאָך אַן אַקציע
פּוסטע צימערן אַרום
שפּילצייג אויך צעשאָסענע
ברעקלעך אין אַ פּוסטן טעלער
פון די וואָס האָבן הונגעריק געאָטעמט
און מיט אונדז בשכנות נאָך געהאָפּט
און מיר – בנס דאָס מאָל געראַטעוועט
פון באַהעלטעניש אַרויס
מיט ערשטן שיין פון טאָג.

אַן אומפּאַרשעמטע לעבנספרייד האָט אונדז באַנומען
פון זיך אַליין, נאָך מיט פּאַרטרערטע אויגן
און מיט דער איינגעקריצטער שרעק
אַ ניט־געבעטענע, אַ חוצפּהדיקע פרייד צו לעבן –
גאָט, ווי איך געדענק די רגע
מיט אַ טרער
היינט נאָך מער.

ייִדיש

װי גוט איז מיר
אַז איר פֿאַרשטייט ניט
װאָס איך שרײַב.
אַ פֿױגל פֿרײַ
װאָס מעג אַנטפּלעקן
תּהום און הימל.
נאָר װען איך האַלט בײַם סוף
װען איך פֿאַרשרײַב
דאָס האַרץ־געקלאַפּ אויף ייִדיש,
אַנטהילט זיך פֿון באַהעלטעניש
אַ טרער פֿון מײַן געמיט
צום ניט פֿאַרשטיין
מײַן ייִדיש ליד.

אין אַ שטורעם

אָן ווערטער
האָט מיר אַ פֿויגל באַוויזן
אונדזער ליַבלעכע נאָנטשאַפֿט;
דער פֿויגל האָט געזוכט ווו זיך באַהאַלטן
פֿון שטורעם,
אַזוי ווי איך.
ער האָט געזוכט אַן אָרט
ניט צו פֿאַרלירן די פֿליגל,
אַזוי ווי איך.
דער טאָג האָט ביימער געבראָכן,
בלומען געשליַדערט צו ערד
און איך האָב געזען דורך דער שויב
די עקשנות פֿון פֿויגל:
בליַבן פֿאַרהיט,
אַזוי ווי איך
אין ליד,
אַזוי ווי איך.

♦

די רויז איז פֿאַרבליט.
זעט אויס – אַ רחמנות.
איך פֿרעג שטילערהייט
ווער האָט דיר געטאָן עס?

זי ענטפֿערט ניט מער.
אירע פֿאַרבן ווי שאָטנס,
די רויזיקע שיינקייט
שווײַגט, ווי צעטראָטן.

ווען מען אַרט עס, ווער זעט
אַ רויז וואָס פֿאַרשווינדט,
ווער איז איר מאַמע?
און זי, וועמענס קינד?

פֿאַראַן ערגעץ ווו –
פֿאַר אונדז איז אַ סוד, –
אַ רויזיקע מאַמע
וואָס איז אייביק ווי גאָט.

Johaness Brahms
טשעלאָ־סאָנאַטן

איך אָטעם מיט זיי
און לעב
אַ פֿויגל בין איך
און שוועב
אַ גרעזל בין איך
און גרין
און ווייס שוין ניט מער
ווער איך בין –
די נאַכט איז לאַנג
און בלינד
אין דער פֿינצטער
פֿאַרשווינדט
איך אָטעם אַרײַן
אַזאַ פֿרייד
זי קומט
טרעריקערהייט
זאָל איך פֿאַרשטיין
דעם זין?
און כ׳ווייס שוין ניט מער
ווער איך בין –

מִפִּי שָׁכֵן

(וואָס אַ שכן זאָגט)

דאָ לעבט אַן אַלטע פֿרוי
וואָס הערט אַ גאַנצן טאָג מוזיק
און ראַמט און וואַשט און קאָכט
און הענגט אַרויס אין זון
די העמדער אירע.
אַן אַלטע פֿרוי וואָס לייענט צײַטונגען און ביכער.
באַגינען וואַרט אויף איר
אין גאָרטן
איר אַלטער בוים
וואָס חבֿרט זיך מיט איר
זינט יאָרן
און זי איז נאָנט צו אים
מיט אַלע אירע גלידער,
אַן אַלטע פֿרוי
וואָס שרײַבט נאָך לידער.

נאַסטורציעס

זיי קומען
גענוי צו מײַן היים.
אין זיי איז קיין זאַך ניט געענדערט.
דער זעלביקער קאָליר.
ניט גראָ, ניט אַלט,
ווי ערשט געבאָרן.
פֿון יאָר צו יאָר
העלפֿן זיי מיר זינגען,
נאָר העלפֿן ניט
פֿון יאָר צו יאָר
ווערן ייִנגער.

שטורעמס

אַ שטורעמדיקער איז געווען דער וועטער
די בליִונגען געשלײַדערט צו דער ערד
און כ׳האָב געזען צעשויבערטע די בלעטער
שטורעמדיק פֿאַרטרערט –

און איך האָב זיך פֿאַרקוקט אין אָט די בלעטער
און נאָכגעטראַכט, בײַ מיר איז גאָר פֿאַרקערט
עס טרעפֿט אין זוניק־שענסטן וועטער
שטורעמט אינעם ליד אַ טרער.

אין וועג קיין ירושלים

פּאַר רוֹעִי

עס האָבן אונדז אַרומגענומען בלווילעך־אָוונטיקע בערג
ווי מיט פּעלדזן־הענט געפֿירט אונדז הימלהויך,
אַ שמאָלער שטעגל האָט געוואָרנט ניט צו זײַן פֿאַרקלערט,
קלעטערן אין בערג פֿאַרנעפּלט ווי אין רויך.

עס האָבן אונדז פֿאַרכּישופֿט בערג, ווי שרעטעלעך און ריזן,
מיט גאָר דער פֿאַרביקייט וואָס צײַט פֿאַרפֿירעריש פֿאַרמאָגט
און לאָזט ווי מיט אַ זעלטענער ברייטהאַרציקייט געניסן
דעם קאָלאָריט פֿון פֿאַרבן־חלום צווישן נאַכט און טאָג.

עס האָבן אונדז די בערג אַרומגענומען ווי מיט גוטע הענט,
געפֿירט אונדז שטעג נאָך שטעג צו ליכט, צו שײַן,
קיינער האָט אַזוי געטרײַ אַרומנעמען אונדז ניט געקענט
און לאָזן אונדז אין כּישוף באַרגיקן אַרײַן.

ליד־מוזיק

מיר זײַנען לײַבלעך נאָענט
אַפֿילו פֿון דער װײַט.
אַ קלאַנגיקער פֿאַרבונד
אַריבער אָרט און צײַט.

מיר שרײַבן זיך אַרײַן
אױף ניט צו גײן פֿאַרלאָרן,
דער אָטעם װערט אַ קלאַנג
און בלײַבט אין דעם זכּרון.

דעמאָלט קומט אַ װאָרט
פֿון קלאַנגיקן געמיט
און שרײַבט זיך אױך אַרײַן
אין אָטעם־ליד.

◆

איך ווייס ניט וואָס די ווײַסקייט פֿון פּאַפּיר
וויל זאָגן,
מיט וואָס זי וויל פֿאַרפּוצן איר נאַקעטן געמיט,
אפֿשר מיט אַ ליכטיקן זכּרון.
און אפֿשר מיט אַ ליד.
פּרוּוו איך טרעפֿן וואָס די ווײַסקייט
און פֿאַרשרײַב עס וואָרט בײַ וואָרט.
לייען איך פֿון אָנהייב אָן
אין די שורות דעם באַטײַט,
ענטפֿערט מיר אַ שטילקייט וואָס דערמאָנט
אַז דאָס וואָרט
האָט בלויז די צײַט.

אַ נאַכט

פֿאַר רֶנֶה

ווער שרײַבט אַ ליד אין מיטן נאַכט? –
דער זכּרון.
וואָס זוכט ער אין דער נאַכט? –
אַלץ וואָס איז פֿאַרלאָרן.

פֿאַר וואָס וויל ער דאָס פֿאַרלאָרענע געפֿינען? –
צו פֿאַרהיטן פֿון אייביקן אַנטרינען.

און פֿאַר וואָס האָט ער מורא צו געפֿינען? –
כּדי ניט אַראָפּ פֿון זינען.

טאָ ווער זשע שרײַבט אין מיטן נאַכט די ווערטער,
ווער ווייס פֿאַר וועמען נאָך דערהערטע.

◆

אַ מאָל האָב איך פֿון פֿעלד געבראַכט
דיר בלומען
דו זאָלסט מאָלן.
אַזוי פֿאַרבליבן איז
דאָס בילד.
עס האָט די אייביקייט
ניט אָפּגעמעקט
אונדזערע אַמאָלן,
זיי זײַנען דאָ, פֿאַרהיטע
אין אַ טרער
און אין אַ ליד.

אַ ליד

געקומען איז צו מיר אַ ליד
וואָס איז פֿון לאַנג געווען
און האָט געבעטן שרײַבן זי
ווי גאָר מיט זעכציק יאָר צוריק.
פֿרעג איך:
– ווער האָט דיך געשיקט?

– קיינער ניט. אַליין אין וועג פֿון צײַטן ווײַט
און זוך נאָך גליק...
מיט זעכציק יאָר צוריק
האָב איך געפֿונען אַ פֿאַרמעג,
נאָר ס׳האָט די צײַט אין איר געלויף
מיך באַרויבט אין וועג –
עפֿן איך בײַ נאַכט די טיר,
זוך אין נאַכט אַ ליכט
און איך ענטפֿער:
ליד, מײַן ליד,
ס׳האָט די צײַט
באַרויבט אויך מיך – – –

◆

וואָס דערציילט די נאַכט
אין שעהען פֿלאַמיקע?
זי דערציילט פֿון יאָרן
ניט פֿאַראַניקע.
זי דערציילט פֿון ליבשאַפֿט
זוניק־בלומיקע
וואָס באַשײַנט די נאַכט
און די אַרומיקע.

וואָס דערציילט די נאַכט
ווען שטערן לעשן זיך?
זי דערציילט פֿון ליכטער העלע
וואָס פֿאַרלעשן זיך,
דאַן פֿאַרבלײַבט די נאַכט
אין טונקל אַ פֿאַרזונקענע
ווי אַ שיף מיט גאָר איר פּראַכט
אַ דערטרונקענע.

וווּנדער

אָט קום איך צו אײַך, איריסן ווײַסע,
בלומען אָן נאָנטע, אָן פֿרײַנד,
דער רעגן האָט אײַער דאָרשטיקן חלום
אין בליִונג באַנײַט.

ניט איך האָב געשטילט אײַער דאָרשט, איריסן ווײַסע.
ניט איך האָב פֿון אײַך די שטעכערס פֿאַרטריבן.
די זון האָט געדאגהט פֿאַר אײַך ווי אַ מאַמע,
די זון וואָס מיט אײַך איז פֿאַרבליבן.

אַצינד קוועלט מײַן האַרץ: ווי שיין איר זײַט דאָ!
מיט אײַער פֿאַראַן קומט צו מיר אַ פֿאַרקלער, –
כּל־זמן די זון און דער רעגן איז דאָ
וועט בליִען דער טאָג אויך פֿאַר מיר
אָן אַ טרער.

אַ חלום

אַ נאַכט מיט דזשין־און־טאָניק
אַ חלום – אַ געטראַנק,
אַ נאַכט, אַפֿילו מאָנאָטאָניק,
דעם מאָרגן זאָג אַ דאַנק

פֿאַר אויפֿמאַכן די אויגן
און זען אויף ס'נײַ די וועלט,
זאָל זײַן אַפֿילו פּורים
וואָס איז אין פֿרייד פֿאַרשטעלט.

און נאָך דעם דזשין־און־טאָניק
ווילט זיך מיר פֿאַרשרײַבן –
אויב נאַכט האָט זיך פֿאַרשיכּורט
זאָל ניכטער ס'ליד פֿאַרבלײַבן.

◆

מײַן בוים האָט זיך אַנטפּלעקט מיט בלאַסע בלעטער
און מער קיין פּרוכט שוין ניט געגעבן,
אַזוי האָט מיר דער בוים דערציילט
ווי אים איז אומעטיק אין לעבן.

כ׳האָב ניט געזען אויף זײַנע צווײַגן
אַ פֿויגל קומען זאָל כאָטש איינער,
און כ׳האָב דערהערט זײַן קול אין שווײַגן
ווי בײַ אַ מענטש וואָס קאָן ניט וויינען.

מײַן בוים, נאָך אַלע פּרוכטיק־זיסע יאָרן,
די צײַט אים קאָן שוין ניט פֿאַרריכטן,
איך שטיי בײַ זײַנע בלעטער ווי פֿאַרלאָרן,
דערצייל אים גאָר אַן ענלעכע געשיכטע.

ליטע

די נאָדלביימער שטעכן מײַנע טריט.
אַ ווייכער טעפּעך פֿירט צום טויטנטאָל,
וווּ אַלע ביימער גייען מיט
צום תּהום וואָס הייסט: *אַמאָל*.

אין יענע וועלדער פֿון אַמאָל
קלײַב איך פּאָזעמקעס און כ׳שווער
אַז זייער רויטקייט איז פֿון בלוט
און זייער טעם – אַ טרער.

די נאָדלביימער שטעכן מײַנע טריט,
דער ווייכער טעפּעך נאַרט מיך אָפּ,
אַהין גייט קיינער מער ניט מיט,
אַהין, צום באַרג־אַראָפּ.

2009

אין פֿרילינגווע

זײ דערמאָנען מיר:
אַ יאָר פֿאַרבײַ
און ווידער בליִען זײ,
באַגלייטן מײַנע טריט
ווי זייער בליִונג
וואָלט געדענקט מײַן ליד צו זײ
פֿון פֿאַר אַ יאָרן –

צי האָבן בלומען אויך
זכּרון?
איך קלער, אַז אַלץ
וואָס ווערט אין צײַט
פֿאַרלאָרן און פֿאַרבײַ,
געדענקען זײ די בלומען
און בליִען פֿון דאָס נײַ.

◆

אויף מײַן שטעגעלע ערד װוּ איך לעב
קומען קעץ
און ציִען זיך חוצפּהדיק אויס
ווי די ערד וואָלט געהערט צו זײ.

די פֿוילע פֿאַרדרימלטע קעץ
ווערן באַזיצער פֿון מײַן פֿאַרמעג.
די צײַט לאָזט זײ צו רו,
אָפּן פֿאַר זײ, אָן א שלאָס, אָן אַ טיר,

זעט אויס, זײ קענען די וועלט
בעסער פֿון מיר
ווען די ערד געהערט:
ניט זײ
און ניט מיר.

אַ קאָנצערט

ווען זיי בײַטן כאָטש דעם נאָמען פֿון לאַנד
ווו מען האָט אונדז פֿאַרברענט
וואָלט איך אפֿשר הנאה געהאַט
פֿון די יונגע מוזיקערס
בײַם קלאַוויר
און פֿון די יונגע זינגערס
אויף דער בינע.

ווען זיי בײַטן כאָטש דעם נאָמען
פֿון לאַנד, פֿון וואַנען זיי שטאַמען
וואָלט איך הנאה געהאַט –
איך הער ווי בלוטיקע טראָפּנס רינען אַראָפּ
אַזוי ווי ביקסן צעשיסן די קלאַנגען.

ווען זיי וואָלטן כאָטש דעם נאָמען
פֿון זייער לאַנד געביטן –
אוישוויץ און
דערנאָך –
ליטע.

עפּילאָג

עס קומט אַ צײַט ווען ווערטער ווילן זיך דערציילן
אָן רחמים אויך צו זיך אַליין.
מען זאָגט, אַ וואָרט קאָן פֿאַרהיילן
און קאָן אויך טרעפֿן ווי אַ שטיין.

ווען איך לאָז זיי צו דער פֿרײַ אַרויס,
צעעפֿן יענעם טויער פֿון פֿאַרגעס,
הער איך ווי זיי זאָגן מיר:
ס'איז דײַן יעדער טאָג אַ נס.

בעט איך זיי: דערציילט מיר מער,
קומט און רעדט און זאָגט און היילט.
רינט פֿון זיי, ווי אַ געבעט, אַ טרער:
– לאָז אונדז בלײַבן ניט דערציילט.

מיט מײַנע אַמאָליקע שילערס
אין קיבוץ המעפּיל

באַגעגנט פֿאַרגאַנגענע יאָרן
און קוים זיי דערקענט
און זיי, די פֿאַרגאַנגענע יאָרן
האָבן געגלעט מײַנע הענט.

מיט וואַרעמע היימישע בליקן
מעשׂיות דערציילט פֿון אַ מאָל,
געפֿירט מיך צו ווײַטע צוריקן
וווּ ווערטער פֿאַרלירן דעם קול

און איך האָב געפּרוּווט זיי דערהערן,
דערהערן די שטילקייט אין מיר,
נאָר ס'האָבן באַגאָסן די טרערן
דעם קאַלטן פּאַפּיר.

וואָס ווייסטו, דו נאַרעלע אַלטע,
וואָס פֿאַרגאַנגען איז מער שוין ניטאָ,
דו זוכסט וואָס אין זיי איז באַהאַלטן –
אַ דערטרונקענע שיף אויפֿן דנאָ?

ס'וועט אפֿשר אַ מאָל ווער געפֿינען
די אוצרות אין ווערטער פֿאַרהיט
און ווי זעלטענע רויטע רובינען
באַצירן מיט זיי אַ ליד.

◆

די אמתע זאַכן
פֿאַסירן אַליין
אָן קיינעמס האַנט.
די אמתע זאַכן פֿאַסירן
אַן אויגנבליק
ווען קיינער זעט ניט
ווי אַ טראָפּן טוי
טוט אַ קוש די ערד
און מיט ערשטן שײַן
פֿון זונאויפֿגאַנג
זינגט אַרויס אַ גרעזל
שלאַנק און דין און גרין
ווי אַ טעפּעך פֿאַר גאָט –
וואָס ווייסן מיר
דעם תּענוג פֿון אַ גראָז
מיט ערד און הימל
ווען די אמתע זאַכן פֿאַסירן.

◆

עס העלפֿט מיר די זון,
עס העלפֿט מיר דער ווינט,
זיי גלעטן מײַן העמד
ווי מען גלעט אַ קינד.

איך זע ווי עס וויגט זיך
מײַן העמד אויפֿן שטריק
אַזוי ווי אין וויגל:
אַהין און צוריק.

די זון ווערט מײַן מאַמע,
דער ווינט נעמט זי צו,
עס וויגט זיך פֿאַריתומט
מײַן העמד ערגעץ ווו.

כַּרְמֶלָה רובין

אַ ליד צו כַּרְמֶלָה,
אַ ליד ווי אַ תּפֿילה,
קיין זילב זאָל ניט פֿעלן
אין ים פֿון געפֿילן.

אַ ליד פֿאַר כַּרְמֶלָה,
במַם האַנט מיך גענומען
הערן ווי ס׳רעדט די נשמה
אין היכל פֿון בילדער און בלומען.

כַּרְמֶלָה, כַּרְמֶלָה,
מיט ליבשאַפֿט און קלאַנג
אין בלומיקן טויער פֿון ליד,
צו דיר איז מײַן דאַנק.

רינגען אין אַ בוים

אין בוים קומט צו אַ רינג,
אין מיר – אַ דאָרן,
דער בוים ווערט עלטער מיט אַ יאָר,
צעבליט אַ צווײַג,
אין מיר – פֿאַרבלײַבט זכּרון.

אין בוים קומט צו אַ רינג
און צווײַגן גרינען,
אַ פֿויגל קומט און זינגט צו אים
דאָס יונגע ליד
וואָס איך וויל אויך געפֿינען.

אין בוים קומט צו אַ רינג
וואָס בליט,
אין מיר – די צײַט און דאָס געמיט.

אַ נאַכט

אַז איך וועל בלײַבן אויפֿן פּאַפּיר
אין אַ גאָלדענער שורה פֿון מיר צו דיר
וועלן ביימער הערן אויף זייער אָרט,
באַנעמען שווײַגיק וואָרט נאָך וואָרט.

אַז איך וועל בלײַבן אויפֿן פּאַפּיר
אין אַ גאָלדענער שקיעה פֿון אָוונט־באַריר
וועט אַ פֿויגל זיך אָפּרוען פֿון זײַן געפֿלי,
און ווערטער דערהערן דעם ווונדער פֿון בלי.

אַז איך וועל פֿאַרבלײַבן אויפֿן פּאַפּיר
וועט קומען מײַן וואָרט, ווי אַ פֿויגל, צו דיר,
דו זאָלסט דערהערן די בלײַיקע פֿרייד
וואָס אַ וואָרט קאָן פֿאַרשאַפֿן
אייביקערהייט.

בײַ אַ פֿאַרבליטער בלום

מיר האָבן בײדע זיך באַגעגנט נאָכן בלי,
געדענקט די אַנדערע קאָלירן,
פֿאַר בײדן איז אַצינד ניט פֿרי
און קאָן אין ערגעץ ניט דערפֿירן.

אויף דינעם שטעגל שלאָפֿט דער ווינט
און ס'קאָן די בלום אים שוין ניט וועקן,
אין אַ וועלט וווּ אַלץ פֿאַרשווינדט
וועט זיך די בלום ניט שרעקן.

זי וועט בליִען פֿון דאָס נײַ
ווי ערשט צום בלי אַרויס,
צי בײדע וועלן טרעפֿן זיך אויף ס'נײַ?
ווער ווײס,
ווער ווײס...

2009

ווערטער

עס ציט צום וואָרט
וואָס רופֿט זיך ווונדער
צוליבן ווונד וואָס שווײַגט
אין האַרץ פֿון וואָרט.
און ווי אַ צווילינג איז
דאָס וואָרט מיט מיר
פֿאַרבונדן –
אַ ווונדער
אַז מען שטאַרבט ניט
אויף אַן אָרט.

צום גאָרטן

האָב נאָך אַ ביסל געדולד,
האַלט אויס, גיב זיך ניט אונטער,
נאָך אַ קאַפּל געדולד (ווי איך),
ניט כּדאַי זיך מיט אַלץ געזעגענען,
האַלט אויס,
באַלד, גאָר אין גיכן
וועט רעגענען.

2009

♦

מען שרײַבט ניט
אויף צײַט־פֿאַרטרײַב
מען שרײַבט
אויף צײַט־פֿאַרבלײַב,
צײַט זאָל פֿאַרבלײַבן –
מישט זיך דער זײגער אַרײַן
אין אַיעדער שורה פֿון ליד
און זאָגט אָן:
אַ שעה איז פֿאַרבײַ,
אַ טאָג,
אַ יאָר,
אַ לעבן.

2011

אין שפּיגל

דאָס ביסט דו –
ניט קיין אַנדערע.
אַנדערש איז די צײַט
וואָס רינגלט דיך אַרום,
דאָס ביסט דו.

די זעלבע ליבשאַפֿטן
נעסטיקן אין דיר,
די זעלביקע געדענקשאַפֿטן
באַגלייטן דײַנע טריט,
און די זעלבע טרייסט
וואָס קומט צעבלוטיקט
פֿון געראַנגל
שרײַבט דײַן ליד.

אַ נסיעה

איך פֿאָר מיט דיר
דאָס האַרץ פֿאַרשטילן,
איך פֿאָר מיט דיר
די יונגשאַפֿט נאָך אַ מאָל דערפֿילן,

איך פֿאָר מיט דיר
אַפֿילו אויב כ׳וועל ניט דערפֿאָרן
און בלויז באַרויִקן
די בענקשאַפֿט פֿון זכּרון.

איך פֿאָר מיט דיר
אַפֿילו ניט פֿאַרבלײַבן,
זאָל זײַן בלויז ווירטועל
פֿאַרשרײַבן.

גיין

וואָס מיינט גיין?
שטעלן טריט און גיין?
אַוועקגיין פֿון פֿאַרגיין?
אַוועקגיין פֿון אַליין?
גיין.
ווי ס׳גייט דער ווינט,
ווי וואָלקן גייט
און ווערט ניט מיד,
גיין
און קומען צו אַ ליד.

צו זיך

וואָס טוט מען מיט פֿינף און אַכציק יאָר?
ווי נעמט מען זיי מיט
אויף ניט צו פֿאַרלירן?

מען לייגט זיי צוזאַמען
אין שיכטן פֿון ליבשאַפֿט
און צער

מען בינדט זיי צוזאַמען
מיט ליכטיקער פֿרײַנדשאַפֿט
אַרום, מיט זכּרון פֿאַרהיט

און מען זעצט זיך אַנידער
אָנטרעריק
פֿאַרשרײַבן אַ ליד.

2010

◆

איך זע ווי ס'בײַט דער טאָג זײַן ליכט
און טונקל ווערט אין בליק.
אַזוי ווי ס'בײַט זיך אַ געזיכט
דערוויַיטערט און צוריק.

איך זע די ווײַזערס אין פֿאָרויס
באַרירן שעה נאָך שעה
וווּ מיטן העלן טאָג גייט אויס
דער אָקערשט יונגער דאָ.

און ס'קומט אַן אַנדער ליכט צו גיין
פֿון ערגעץ פֿרעמד און ווײַט,
וווּ אויך דער טאָג פֿאַרבלײַבט אַליין
אין גאָר אַן אַנדער צײַט.

ביימער

די ביימער זײַנען אַלט געוואָרן
און אויך עפּעס געלערנט
וואָס קיין מאָל וועלן מיר ניט קענען.
און ווי פּלאַסיק מיר זאָלן ניט זײַן
תּמיד דעם לערנען געטרײַ
וועלן מיר קיין מאָל ניט קענען ווי זיי
בליִען אויף ס'נײַ.

דאָס ליד מיטן אַלטן רעפֿריין

דאָס ליד מיטן אַלטן רעפֿריין
קומט ווידער און ווידער צו גיין,
געדענקט ניט די ווערטער גענוי
נאָר בענקט צו דער טרער וואָס אין זיי,
וואָס האָט ניט קיין מורא פֿאַר צײַט
און וואָס זוכט אַלץ דעם רײַטער וואָס רײַט
מיט גאָלדענע שפּאָרן באַצירט,
וואָס קומט און זאָגט צו און פֿאַרפֿירט,
דעמאָלט געדענקט זי די טרער
און בעט אין די ווערטער אַ שווערד
באַגאָסן מיט זיסן געוויין
און נאָך דעם, –
דער אַלטער רעפֿריין.

◆

װען איך שנײַד אַרױס
די בלעטער די פֿאַרװעלקטע
װערט אױך רײנער מײַן געמיט.
װי מיטגעבליט מיט גאָר די צװײַגן
און די בלעטער.
נאָר טוענדיק אַ קלער
שױן שפּעטער,
אַז אײנער װידער בליט
און אײנער ניט,
בלײַב איך שטײן פֿאַרלאָרן
און זוך נאָך אַלץ דעם יושר
אױך אין קאָסמישן זכּרון

װוּ אומפֿאַרשעמט
ער גײט פֿאַרלאָרן.

♦

אַ פֿרײַער טאָג.
אַ זעלטן פֿרײַער טאָג.
מײַן שכן קאָן מיך פֿירן
ווּ איך וויל.
ניט שווער איז צו דערפֿאָרן.
איך האָב געצײלט אַדרעסן
ווי צײלנדיק די יאָרן
און האָב דערזען:
ניטאָ צו וועמען פֿאָרן.

געפֿונען אײן אַדרעס –
נאָך ניט פֿאַרלאָרן –
וואָס נעמט מיך אויף
אין שקיעה מיט אַ פֿלאַם:
איך
פֿאָר
צום
ים.

אַ זעונג

אַזוי ווי דו פֿלעגסט מאָלן,
באַגלייט פֿון אַ קלאַנג,
שרײַב איך אַ ליד.

פֿון דער לעצטער שורה
טרערט אַראָפּ אַ קאָליר
וואָס טוט אַ פֿאַרשמיר
דאָס ליד

און בלויז דער קלאַנג
גלעט נאָך מילד
דײַן בילד.

בלעטער

נעמט מיך
אין אײַער קיניגרײַך אַרײַן,
רויִק און גרין און זיכער.
לערנט מיך
פֿאַרשטיין וואָס ווינט
דערציילט אײַך
בעת ער ווערט אַ וויכער.

נעמט מיך
אין אײַער קיניגרײַך אַרײַן
וואָס בײַם פֿאַרלירן אַ בלאַט
איז נאָך אַלץ ניט פֿאַרלאָרן.
ווײַזט מיר יענעם וועג
פֿון ווידער־בלעטערדיקע
יאָרן.

אַ געבעט

עס קען ניט זײַן
דו זאָלסט ניט שפּירן
מײַן נאָענטקייט צו דײַן וווּנט,
עס קען ניט זײַן
איך זאָל פֿאַרלירן
די צוווייִקייט מיט זיך
אין שמייכל און אין טרער
און בלײַבן בלויז מיט זיך
אָן דײַן דערזע, דערהער –

איז טו צוליב דאָס ליד
וואָס זוכט אַ טראָפּן גליק
און קום אַ מאָל צו חלום מיר
אַן אײנציק אויגנבליק – – –

◆

פֿאַראַן אַ טאָג
וואָס מען באַווײַזט אין אים
מער ווי אין אַ יאָר –
אַ טאָג וואָס לאָזט דיר טאָן
און קלערן גוט
אַפֿילו נאָך אַ חלום־נאַכט אַ בלוטיקע,
אַ טאָג באַשערט צו גוט,
וואָס וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך
די אַלטע קליידער,
דעם שווייס, די מידקייט
און די יאָרן,
פֿאַראַן אַ טאָג
אַן אויסדערוויילטער
וואָס שרײַבט
ווי פֿון דאָס נײַ
אַ זוניקן זכּרון.

מוזיק

דער יונגער פֿידלער
האָט, ווי בלומען ליכטיקע,
קלאַנג נאָך קלאַנג פֿאַרזייט
און די צוהערערס אין זאַל
האָבן מיט דעם יונגן פֿידלער
קלאַנגיק זיך געפֿרייט.

דער קאָמפּאָזיטאָר
וואָס בײַם סאַמע סוף פֿון לעבן
האָט באַשאַפֿן די מוזיק,
אפֿשר האָט אים דעמאָלט גאָט
דעם סוד אַנטפּלעקט:
ווי מען קומט פֿון דאָרט
צוריק.

ליבע

דעם סוד פֿון ליבע ווייס ניט קיינער.
עס קומט, ווי ס׳קומט אַ ליד,
און ביידע לעבן זיי אין איינעם
ווי פֿונקען אין געמיט.

אַ מאָל פֿאַרברענגען זיי ביז טויט –
קיין רעטונג ניט פֿאַראַן.
אַ מאָל באַקעמפֿן זיי דעם טויט
ווו לעבן איז פֿאַראַן.

איך האָב געזען אויפֿן עקראַן
אַ ליבע, פֿײַער־פֿלאַם,
ס׳האָט ניט געקענט פֿאַרלעשן אים
דער טיפֿסטער ים.

אַ וועלט האָט זיך געטרונקען
אין יענעם ליבע־ברען
און איך האָב זיי געזונגען
דעם אייביקן רעפֿריין.

די זון

די זון הײלט מיך אויס
בײַם סוף פֿון טאָג
אַ מילדע און אַ נאָנטע.
װוּ נעמט מען נאָך אַ פֿרײַנד אַזאַ
װאָס זאָל באַרויִקן
און גלעטן װי אַ קינד –
...און גײ דערצײל
אַ מעשׂהלע
דעם װינט...

2009

♦

ניט אמת אַז די צײַט פֿאַרגײט.
אַ סימן: זי ווערט ניט גראָ,
ניט לאַנגזאַמער איר טראָט,
זי דאַרף קיין שטעקן ניט אין וועג
און ניט קיין טרייסט.
מיר זאָגן תּמיד: צײַט פֿאַרגײט
און קענען אונדזער טעות ניט פֿאַרריכטן.
נאָר ווען אַ שטוב ווערט פּוסט
ווי שטילקייט שווײַגט ווי אַ געהאַנגענער
בײַ אַ פֿאַרמאַכטער טיר,
דעמאָלט ווייסן מיר
אַז ניט די צײַט פֿאַרגײט
נאָר מיר –

♦

דורך שטיינער און זאַמדן און דאָרנס –
און ס׳בליט.
דורך צײַט – אַזוי פֿיל פֿאַרלאָרן,
און ס׳בליט.

אַ וואָלקן פֿאַרוויקלט די שטעגן,
שרעקט מײַנע טריט,
עס רעגנט אויף מיר אַזאַ רעגן –
און ס׳בליט.

איך שפּרײַז די זומפּן אַריבער,
אַ וואונדער גײט מיט מיר מיט
דורך שטיינער, זאַמדן און גריבער –
און ס׳בליט.

אַ לבֿניקע נאַכט

עס טרעפֿט, ווערטער קומען, פֿרעגן:
– וואָס ווילסטו פֿון אונדז
מיר זאָלן פֿאַרשרײַבן?
וואָס ווילסטו אין אונדז
זאָל פֿאַרבלײַבן?
אויך אונדז פֿאָלגט ניט די צײַט,
פֿאַריאָגט אונדזער שעה,
אַלץ וואָס מיר קענען דערציילן
איז לאַנג שוין ניטאָ.

דווקא אָט דאָס וואָס איך בעט
אין לבֿניקער נאַכט
בײַ איר זילבערנעם גלעט:
דערמאָנען פֿון נאָנט
אַז ס'איז נאָך ניט שפּעט
דאָס וואָס איך בעט.

מולה

מײַן יאָרצײַט־ליכט פֿאַר דיר
איז אַ ליד
וואָס צינדט זיך אָן כּסדר יעדן טאָג
אַריבער צײַט און אָרט
וואָס ברענט אין וועג
און ברענט אין וואָרט
און ס׳קאָן זי ניט פֿאַרלעשן
ניט די שטילקייט
ניט אַ טרער
און תּמיד אין דעם סאַמע טאָג
פֿון דײַן פֿאַרלאָרן ווערן
זוך איך אַ ניטדאָיִקע געדענקשאַפֿט
ווי די שײַן פֿון הימל־שטערן.

2009

אַ שפּיל אַזאַ

אַ שפּיל אַזאַ
אַ גורלדיק־באַשערטע
אײַנגעבוירן ווי דער אָטעם
קומען ווערטער
ווערטער
גלײַיִקע באַרירן
אַ געדענקשאַפֿט
וואָס די צײַט האָט ניט פֿאַרלענדט
שטעלן זײ זיך אויס אין שורות
ווי פֿייגל, גרייטן זיך צום פֿלי
אַנטלויפֿן פֿון דער ברענענדיקער קעלט
זײ ווילן ווו געפֿינען
אייביק פֿרילינג
אין דער וועלט.

אַ שפּיל אַזאַ.

אַ ליבעליד

פֿאַר וואָס ווערט נאָנט אַזוי
אַ ליד פֿון ליבע?
אין פֿרעמדע געשטאַלטן
אין ווײַטע וועלטן
ווײַט ווי די שטערן
און דאָך איז אײגן אַזוי
אַ ליד פֿון ליבע
פֿאַרכּישופֿט צו ווערן.

אפֿשר אין ליד
ניט ווי אין יאָרן
פֿאַרבלײַבט זי די ליבע
ווערט ניט פֿאַרלאָרן
און דאַכט זיך, ס'איז דײַנע
גענוי ווי פֿאַרשריבן –
דײַנע די ליבע
וואָס הערט ניט אויף ליבן.

2009

אין וועג

זיכער
אַז די ביימער קענען מיך
דערקענען מיך
און איך הער ניט אויף צו פֿרעגן
וואָס זיי זאָגן מיר
אין אומעט און אין פֿרייד –
ביימער ריידן
בליִענדיקערהייט.

אויב מײַן וועג
פֿאַרשפּעטיקט ניט אין צײַט
דאַכט זיך מיר איך הער
אין בלי דעם אמתן באַטײַט.

2009

בליִונג

רײַס ניט אָפּ די בלום,
שײד ניט אָפּ פֿון די נאָענטע,
זאָל איר דאָס לעבן בלײַבן פֿאַרהיט.
ס'וועט קומען דער רעגן זי קילן,
ס'וועט קומען אַ בינעלע נאַשן איר ווײַן,
רײַס ניט אַראָפּ איר שײנקײט וואָס בליט, –
אין האַרבסטיקן וועג וועט געדענקען די בליִונג
דײַן ליד.

◆

אַ מאָל האָט מיר אַ דאָקטער געזאָגט:
"דאָרט איז ניטאָ וואָס זאָל דיר ווי טאָן",
און ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען
אַז מיר טוט ווי דער ניטאָ.

דער דאָקטער איז אַ מומחה געווען
און מיר טראָפּנס מיט אַ זוניקן נאָמען פֿאַרשריבן.
די טראָפּנס פֿון לאַנג שוין ניטאָ,
די זון איז פֿאַרבליבן.

נעם איך די זון אַיעדן פֿרימאָרגן,
פֿאַרטרינק מיט בטחון,
איך געהער אַוודאי צו די וואָס
אַפֿילו אַ דאָקטער האָט ניט צעבראָכן.

2009

אַ הונט, אַ מענטש, אַ בוים

אַ הונט, אַ מענטש, אַ בוים און אַלע שווײַגן.
דער הונט איז מיד פֿון בילן, דער מענטש פֿון לעבן,
און בלויז דער בוים כּסדר בליט.
צו זײַנע צווײַגן קומט אַ פֿויגל זינגען,
דער פֿויגל ברענגט דעם בוים אַ ליד,
און קיינער איז שוין מער ניט מיד
אין וועג צום טאָג וואָס ווערט אַ ליד.

◆

אַ הונט האָט מיך אַרומגעקוקט,
גענומען מיך באַגלייטן,
ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט,
ניט מיך, אַ צווייטן.

אין מיטן גאַנג האָט ער דערפֿילט
אַז איך בין ניט דער צווייטער,
ער האָט אַראָפּגעלאָזט זײַן קאָפּ
און אויפֿגעהערט באַגלייטן.

מיט מיר האָט אויך פּאַסירט אַזוי,
געמיינט אַז דאָס ביסטו –
און מיט אַ שטילן "אוי" געפֿרעגט:
ווי קום איך גאָר דערצו – –

די קראָען־פּאָר

איך זוך אין וועג די פּאָר,
די פֿאַרליבטע קראָען־פּאָר
וואָס איך באַגעגן זיי צוזאַמען.
ווו איז זייער פֿלי אַוועק?
שוין לאַנג זיי ניט באַגעגנט.

אפֿשר ווייסן גרינע צווײַגן
ווו זיי זײַנען דאָ?
צי איינער האָט דאָס אַנדערע פֿאַרלאָרן?...
ניט ווילנדיק
ענטפֿערט
דער זכּרון.

אין וועג

אײנזאַמע מענטשן יאָגן ניט,
אײַלן ניט,
גײען טראָט בײַ טראָט,
לאָזן אַלעמען פֿאַרבײַ,
האָבן צײַט צו זען אַ גראָז,
אַ בוים, אַ בלאַט.
און דעם ווינט דערציילן זיי
וואָס זיי האָבן אויך אַ מאָל געהאַט –
בלײַבט דער ווינט אַ רגע אויף אַן אָרט
און פֿאַרשרײַבט אין בלעטער
וואָרט־בײַ־וואָרט...

2009

צײַט

מײנסט אַז אַלץ איז אַזױ װי עס איז?
אַ ראַיה: די זון און די נאַכט און דער רעגן, –
אַ נעכטיקער טאָג!
קײן זאַך פֿאַרבלײַבט ניט אַזױ װי געװען.
דערזעסט נאָר ניט װי און װען.

זעסט, עס איז אַנדערש,
אַן אַנדער געשטעל, אַן אַנדער קאָליר,
אַפֿילו דער טאָג קומט אַנדערש צו דיר,
אַנדערש זײַן טראָט און אַנדערש זײַן ליכט
און װײסט ניט װער בײַט עס און װער פֿאַרריכט.

דו װײסט בלױז, די נאַכט אַרום דיר
זעט אַנדערש דײַן בליק, –
און װײסט ניט, צי דו ביסט
דער פֿולער פֿאָרױס
צי דער פוסטער צוריק?

אַ הונט

אַ הונט, פֿאַרמאַכט אין אַ הויף,
דערקענט מײַנע טריט אין פֿרימאָרגן,
ניט ער בילט און ניט ער אַנטלויפֿט,
ער וואַרט אויף מײַן זאָגן: גוט־מאָרגן.

איך קוק דורך אַ שפּאַלט און גיי ניט אַוועק,
דערזע אין זײַן אויג אַזאַ פֿרייד, –
אויך אַ הונט פֿאַרמאַכט אין אַ הויף
וויל אַ רגע כאָטש זײַן זאַלבע צווייט.

"די גאָלדענע קייט"

גאָר אָפּט
פֿאָר איך פֿאַרבײַ
דעם אַרײַנגאַנג
וווּ געווען איז "די גאָלדענע קייט",
וווּ אַבֿרהם
האָט געזאַמלט, ווי זעלטענע פּערל,
ייִדישע ווערטער,
און אַלכּסנדר
האָט זײַ מסירות־נפֿשדיק
אײַנגעראַמט אין בלעטער.

בלעטער מיט ייִדישן וואָרט
שמייכלענדיק פֿאַרטרערט,
דורותדיק פֿאַרקלערט,
ייִדישע ווערטער ווי בינען
וואָס זוכן אַ בלומיקן אָרט

און שטעכן אַדורך די העברעיִשע שטאָט
מיט אַ ניצול־געוואָרענעם
פֿאַרלאָרענעם
ייִדישן וואָרט.

2010

בײַם שטיין

אויף אַ שטיין ווערט גראָ און אַלט,
אויף אַ שטיין.
יאָרן ווי ער ליגט אַליין,
שווײַגט אַרײַן אין זײַן ניט־זײַן,

ליגט מיט דיר אין שטורעמס
ווי אין פֿײַערדיקע טעג,
דיר געטרײַ,
גייט פֿון דיר אין ערגעץ ניט אַוועק.

פֿון יאָר צו יאָר
מיט פֿלעקן טונקעלע באַדעקט
ווי אַן אַלטע הויט,
יעדן יאָר באַגעגנט ער מיט נאָך אַ פֿלעק
און אַזוי פֿאַרבלײַבט ער
אַלט און גראָ. אַ שטיין
אײנינקער אַליין –

אַ וואָרט

אַ וואָרט
איז אַן עפּל
אַ פֿלוים
און אַ חלום

אַ וואָרט
קאָן פֿאַרטרײַבן
קאָן ברענגען אַהיים
בשלום

אַ וואָרט
איז פֿרילינג
און ווינטער
און שניי

אַ וואָרט
גלעט
און טוט וויי

אַ וואָרט
איז אַן עפּל
אַ פֿלוים
און אַ חלום.

צו אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט

בײַם דערשײַנען פֿון זײַנע לידער:
"געטונקען אין האָניק־צער" –

אין האָניק ווערט דער צער ניט קלענער.
צי קאָן ער זיסער ווערן?
ניט איין מאָל שוין פֿאַרזוכט
און פֿאַרבליבן ווי עס בלײַבט
אַ וואָלקנאַכט אָן שטערן,
געגאַרט און זיך גענאַרט
דער צער זאָל זיסער ווערן.

2009

נאָכן שטורעם

זאָלן די ווערטער זיך שפּילן,
לאָז זיי מיט חלום זיך פֿרייען,
אַנטפּלעק ניט די פֿאַרב פֿון דײַן ווילן,
דערמאָן ניט ווי טעג פֿאַרגייען.

זאָלן זיי שאַפֿן זיך וועלטן
וואָס קומען מיט בלומען באַגלייטן
אַ וואָר ניט קיין פֿאַרשטעלטע,
אַ וואָר וואָס וועט קיין מאָל ניט ווײ טאָן.

זאָלן די ווערטער זיך שפּילן.
אַזוי ווי ס'ווערט רו נאָכן שטורעם
ווערט רויִק דײַן ווינטיקער ווילן,
געטרוי זיי די ווערטער און גלייב זיי,
לאָז זיי זיך שפּילן.

מיט לידער פֿון "יונג־ישׂראל"

מיר איז באַשערט
אַרײַנאָטעמען אײַערע אָטעמס
מיר איז באַשערט זיך טונקען
אין אײַער געזאַנג –
אַ יונג־אַלטער
אַ זיס־זאַלציקער
אַ וואָר־חלומותדיקער –
און איך לײען די שורות אײַערע
און בענק און רייד מיט אײַך
און שווײַג.

מיט דער צײַט

די הענט ווערן שווערער,
ווײַטער די בליקן,
קלענער די טריט
און שטמפּער די פֿינגער.
בלויז ווערטער
חוצפּהדיק גרינג
ווי מיט לופֿטיקע פֿליגל
איבער דער וועלט
לעבן און זינגען
ווי ס'וואָלט זײַ אַ שטורעם געטראָגן, –
ווער קאָן זײַ דעריאָגן?!

2010

♦

די שטעכערס
די פֿאַרבליטע
פֿאַרלירן זייער שטאָך,
זיי נידערן אַראָפּ
און ווערן ווייכער –
אַזוי באַוויַיזט די עלטער
אַלעמען
איר צייכן.

◆

אַזוי ווי מיט יאָרן צוריק
גייען מיר ביידע
באַגלייטן מײַן ליד
צו דער ליכטיקער שײַן
דורך אַן אַנדער וועג
אין אַנדערע טעג
וואָס זוכן נאָך אַלץ
דײַן באַגלייט.

די איינציקע פֿרייד
פֿאַר אונדז ביידן
וואָס אַ ליד איז פֿאַרבליבן
און וויל זיך ניט שיידן
נעם איך דיך מיט
אין טרער
און אין ליד.

צו זיך

קודם זײַ אין ליד
אין ליד אין גאַנצן
טויך אַרײַן פֿון קאָפּ ביז פֿיס
שפּעטער שלינג דאָס ליד
ווי זוניקע מאַראַנצן
ביטער־זיס.

◆

בײַ נאַכט פֿאַרדריכט מען ווערטער
וואָס ווילן זאָגן מער
אין די פֿאַרדריכטע ווערטער
ווערט פֿאַרמעקט אַ טרער –

און ס׳בלײַבט אַ פּוסטער אָרט
און ס׳בלײַבט אַ בלאַסער פֿלעק
בײַם אויסמעקן אַ טרער
פֿאַרפֿלייצט דער ים זײַן ברעג –

07.03.2012

◆

די קרובֿישאַפֿט
צווישן ייִדיש און עבֿרית
ווי אַזוי דערקלערן?
אפֿשר, ווי טיף עס אָטעמט
ייִדיש אַרײַן אין אַ העברעיִש וואָרט,
דערוואַרעמט די אותיות,
שענקט זיי אַ ווייכערן טראָט.

און דאַן, ווען ייִדיש
דערציילט פֿאַר עבֿרית
אירע טרערן,
תּפֿילהן ביידע לשונות
די זעלביקע תּפֿילה
צו גאָט.

◆

מײַן לשון איז אַ ליד.
ניט ייִדיש, ניט עבֿרית,
לשון־ליד.
מײַן לשון איז די צײַט.
ניט די צײַט וואָס בײַט, פֿאַרבײַט,
נאָר די, וואָס זי געדענקט
און פֿאַרהיט אַ שפּור פֿון טריט
אין לשון־ליד.

איז אויך מײַן אומעט – דער אוניווערסאַלער וועלטאומעט, וואָס איז שוין פֿאַרוואָרצלט אין דעם בראשית פֿון באַשאַף, און אין דעם גאַנג פֿון דורות, פֿאַרבונדן מיט די טיפֿע מחשבֿות אין גײַסט פֿון הומאַניזם.

איך בין פֿאַרליבט אין די שורות פֿון אירע לידער, וואָס גלעטן דיך מיט אַ קוים־קוימיקן פֿאַרחלומטן באַריר, נעמען דיך אַרײַן אין הייסע אָרעמס און שפּירסט אַ לײַבלעכע נאָענטקייט מיט זיי.

די בכּבֿודיקע פּערסאָנאַזשן אין אירע לידער, בלומען און ביימער, אומשולדיקע באַשעפֿענישן, און אַפֿילו די הערמעס־מאַשינקע, זײַנען אָנגעלאָדן מיט נאַטור־שיינקייט, מיט ליבשאַפֿט און אָפּטימיזם. און אויב אַ וואָלקן האָט פֿאַרשטעלט די זון, מעג ער זײַן געדיכט און שוואַרץ, וועט בײַ רבֿקהן אַלע מאָל דורכשײַנען אַ דינינק שטראָמעלע ליכט.

און אויב אין אַ ליד האָט דער הימל זיך צעמבולט מיט כּעס, איז דאָך קלאָר, אַז נאָך דעם רעגן וועט ווידער אויפֿשײַנען די זון. אַזוי פֿירט זיך בײַ רבֿקהן סײַ אין איר אויסגעחלומטער, סײַ אין איר אמתער וועלט.

י. רודניצקי

אַ וואָרט פֿריִער

דאָס קליינע ביכל מיט דעם חנעוודיקן נאָמען "לידערהיים" נעמט אַרײַן צווישן זײַנע טאָוולען אַן אָפּקלײַב פֿון 80 לידער, אַ המשך פֿון רבֿקהס וווּנדערלעכער צווייבענדיקער לידער־זאַמלונג "לכּבֿוד איך און דו" (תּל־אָבֿיבֿ, 2006).

רבֿקה איז אין אונדזערע אויגן, אַ לעגענדע. און פֿון אַ לעגענדע קען מען ניט אַראָפּנעמען... און צו אַ לעגענדע דאַרף מען ניט צוגעבן – וועל איך עובֿר זײַן אויף די תּקנות פֿון "אַ וואָרט פֿריִער", כּלומר: פֿאָרשטעלן דעם מחבר און זײַן יצירה מיט אָפּגעקליבענע און טרעפֿלעכע לויבווערטער! אַדרבא – זאָל דער לייענער גיין אַליין פֿון ליד צו ליד, וועט ער אָנקומען אין רבֿקהס אויסגעלײַטערטער וועלט.

פֿון דעסטוועגן וועט דער לייענער געפֿינען אויף דער לעצטער זײַט אַ קורצע ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע רשימה וועגן דער דיכטערין און איר פֿאַרמעג, און אויב דער לייענער איז מסכּים צו הערן וועל איך זיך מודה און מתוודה זײַן:

מיט רבֿקהן פֿאַרבינדט מיך אַ לאַנגיאָריקע חבֿרשאַפֿט, איך געפֿין זיך נאָך אַנאַנד אין דער מחיצה פֿון אירע לידער, איז קיין וווּנדער ניט, אַז איך בין פֿאַרליבט אין די צאַרטע נשמות און אין די שטילע פֿונקען, וואָס וועלטיקן אין איר פּאָעטישער וועלט. און מיר דאַכט אַז איר וועלט איז אויך מײַן וועלט, אַז דער אומעט אין אירע לידער

רבקה באַסמאַן בן־חיים

לידערהיים

(שירים)

עטיפה: **מולה בן־חיים**

Rivka Basman Ben-Haim

LIDERHEYM

(Poems)

אָפּגעקליבן און צוגעגרייט צום דרוק
הביא לדפוס
ישׂראל רודניצקי

ISBN 978-965-553-031-5 מסת"ב

זאַץ / סדר ועימוד: **לאוניד רחמן**

הדפסה: **צור־אות ירושלים**

נדפס בישראל תשע"ב
Printed in Israel 2012

רבֿקה באַסמאַן בן־חיים

לידערהיים

בית שלום־עליכם
תל־אביב תשע"ב / 2012

רבֿקה באַסמאַן בן־חיים

לידערהײם

ווערטע שבע צוקער,
מיט מײַנע בעסטע ווינטשן צו אײַך
און מיט פֿרײַנדשאַפֿט,
רבֿקה באַסמאַן בן-חיים
6.1.2013

רבֿקה באַסמאַן בן־חיים

לידערהיים

